STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04444

FUN MENTSH TSU MENTSH

M. Ghitzis

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאַנד" № 5

ביילאַגע צום זשורנאַל נומ. 5, 1983,

מוישע גיצים

פון מענטש צו מענטש

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" • מאָסקווע • 1983

אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע

פון א ר ן ו ו ע ר ג ע ל י ס

דער פּראָגרעסיווער ייִדישער שרײַבער מוישע גיציס (פּשא) איז געבוירן געוואָרן אין 1894 אין כאָטין, בעסאראביע. פאַרענדיקט א רוסישע פאָלקס־שול. אין 1910, אין עלטער פון זעכצן יאָר, אוועקגעפאָרן קיין אמעריקע, געארבעט א יאָר צײַט אין א שאפּ און זיך אומגעקערט קיין בעסאראביע, געוואָרן א פּאַרמאצעווט. בײַם דער ערשטער וועלט־מילכאָמע געדינט אין דער רוסישער ארמיי, שפּעטער ווידער זיך פאַרנומען מיט פאַרמאצעווטיק. אין 1922 זיך באזעצט אין טשיקאגאָ, דעביוטירט מיט א סעריע דערציילונגען אין דער „פרײַער ארבעטער־שטימע" אין 1927. פון דעמלט אָן דרוקט ער זיך אין צײַטונגען, זשורנאלן, זאמלביכער. אין א בוך־פאָרם זײַנען דערשינען זײַנע ווערק: „גלאָקן" (דראמאטישע פּאָעמע), „נאָוועלן", „די זון אין מיזרעך" (נאָוועלאָ־דראמע), „ביטאָכן" (איינאקטערס), פּראָזע־זאמלונגען „דער וועג צום בארג", „מאמע־ערד" אא. אין די יאָרן 1943 — 1948 איז מוישע גיציס געוועזן רעדאקטאָר פון די טשיקאגער „ליטערארישע זאמלונגען". אין „סאָוועטיש היימלאנד" האָט ער פאַרעפנטלעכט א ריי דערציילונגען און עסייען. וווינט אין טשיקאגאָ.

א י נ ה א ל ט

דאָס ווייכע האַרץ 3

מענטש צו מענטש 21

„נומער דרײַצן" 46

דער לעץ 56

דאָס ווייכע האַרץ

. . . I must weep
or else this heavy heart will burst;
For it hath been by sorrow nursed,
and ached in sleepless silence Long,
Ahd now it is doom'd to know the worst,
and break at once — or yield to song.
("Hebrew melodies" — Byron)[1]

עס איז שווער פאַר אַ דײַטשישן ייִדן אַריבערצוטרעטן די דײַטשישע גרענעץ, איבערהויפּט פאַר איינעם, וואָס האָט דאָרט איבערגעלאָזט די עלטערן, וועלכע זײַנען אומגעקומען און פאַרשוווּנדן אָן אַ שפּור. אָבער, לעבנדיק שוין קימאַט פופצן יאָר אין ניו־יאָרק און זײַענדיק פאַרבונדן מיט דער פּרעסע און ליטעראַטור, האָב איך איצט באַשלאָסן צו באַזוכן מינכען, ווו איך האָב געלעבט די ערשטע צוואַנציק יאָר פון מײַן לעבן. צופעליקערהייט בין איך אוועק פון דאָרט אַ פּאָר יאָר פאַר דעם שרעקלעכן חורבן, און, געזעגענענדיק זיך מיט די עלטערן, האָב איך זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז ס׳וועט קומען אַ צײַט און איך וועל זיך אַ לאָז טאָן צוריק קיין מינכען, אָבער זיי וועלן שוין ניט זײַן צווישן די לעבעדיקע. וואָרעם וואָלטן זיי געלעבט, וואָלט איך געהערט פון זיי — זיי האָבן דאָך געוווּסט, ווו איך געפין זיך. דאָך האָב איך געלאָזט די איליוזיע פירן מיך קיין מינכען. זאָל איך אַ קוק טאָן אויף דעם הויז, ווו איך בין געבוירן געוואָרן. און ווער ווייסט...

---

[1] ...איך מוז וויינען, ווײַל אַנדערש וועט אָט די פאַרומערטע האַרץ זיך אופּרײַסן, ס׳איז אויסגעהאָדעוועט אויף ליידן און ס׳האָט לאַנג געווייטיקט אין הילפלאָזער שווײַגעניש. איצטער איז עס פאַרמישפּעט צו דערוויסן זיך פונעם סאַמע ערגסטן, און ס׳וועט אָדער טייקעף זיך צערײַסן — אָדער שאַפן אַ ליד.
דזש. בײַראָן. אַ ייִדישע מעלאָדיע
(וואָרטלעכע איבערזעצונג)

עפשער וועל איך זיך דאָרט פּאָרט אָנשלאָגן אַף א שפּאַרונקעלע, דורך וועלכער איך וועל דערזען און דערהערן די לעצטע טעג פון זייער גאנג און די לעצטע ווערטער פון זייער געבעט אָדער קלאָלע.

איך האָב געהאט צוויי וואָכן וואקאציע. באַנוצנדיק זיך מיט דער געלעגנהייט פון מײַן וואקאציע און מיט מײַן באזוך אין מינכען, האָט א ייִדישע קולטור־אינסטיטוציע מיר פאָרגעשלאָגן אויסצופאָרשן די קלאנגען, אז ערגעץ אין מינכען געפינט זיך א גרויסער ארכיוו פון מאנוסקריפּטן פון דעם היסטאָריקער גרעטץ, וואָס איז, ווי באוווּסט, געקומען א קראנקער צו זײַן זון קיין מינכען, ווו ער איז געשטאָרבן. לויט די קלאנגען, האָט א געוויסער מינכענער דאָקטער געוווּסט וועגן דעם איבערגעבליבענעם ארכיוו. די דאָזיקע מיסיע איז מיר געווען צום הארצן, האָב איך זיך אונטערגענומען אויסצופאָרשן דעם איניען. און... ווילנדיק, ניט ווילנדיק, האָב איך גענומען אף זיך נאָך א מיסיע, וואָס די צײַטונג, מיט וועלכער איך בין פארבונדן, האָט ארופגעלייגט אף מיר. די ייִדישע קרײַזן, איבערהויפּט די ארטיסטישע, זײַנען געווען שטארק פאַרינטערעסירט אויסצוגעפינען, וויאזוי דער בארימטער פּיאנאָ־קאָנצערטיסט עזרא מאסעל איז געשטאָרבן. (איך טראכט און איך וואונדער זיך, פאַרוואָס דער מענטש, אין אלגעמיין, זוכט און פאָרשט, וויאזוי דער אָדער יענער איז געשטאָרבן).

מיט אייניקע יאָרן צוריק איז אן אינטעליגענטע דײַטשישע פרוי פון מינכען (זיכער ניט פון די היטלער־קרײַזן) געקומען אין דער רעדאקציע פון דער צײַטונג (איך שטעל זיך פאָר, אז עמעצער האָט איר געראטן דאָס צו טאָן) און האָט דערציילט, אז איידער זי איז אָפּגעפאָרן פון מינכען קיין ניו־יאָרק, האָט אירער א באקאנטער, האנס שולץ, פּאָרטרויט איר דעם סאָד, וויאזוי דער פּיאנאָ־קינסטלער עזרא מאסעל איז געשטאָרבן. זי דענקט, האָט זי געזאָגט, אז די ייִדישע קרײַזן וועלן זיכער זײַן פאַרינטערעסירט דאָס צו וויסן און, איבערהויפּט, אויב עזרא מאסעל האָט ערגעץ־ווו אייגענע פון זײַן מישפּאָכע, קיין אייגנצלהײַטן האָט זי ניט געוווּסט. און ווײַל די אינפאָרמאציע איז געקומען פון א צווייטער האנט, אזוי צו זאָגן, האָט מען געקאָנט צווייפלען אין דער גאנצער געשיכטע. דאָך האָט מען איר נאָמען דעם נאָמען און די אדרעסן פון אָט דעם האנס שולץ פאַרשריבן. זײַן שטעלע, האָט זי געוווּסט, האָט ער פאַרלוירן; זי האָט אָבער געהאט דעם אדרעס פון דעם האָטעל, ווו ער האָט געוווינט, און דעם אדרעס פון דעם רעסטאָראַן, ווו זי פלעגט אים אָפט טרעפן. די רעדאקציע האָט דורך די אלע יאָרן ניט געפונען פאַר נייטיק און עפשער אויך ניט פאַר וויכטיק אויסצופאָרשן דעם טויט פון דעם פּיאניסט, אָבער, נעמענדיק אין אכט מײַן פּלאַנירטע וואקאציע אין מינכען און מײַן גרייטקײַט אויסצופאָרשן דעם איניען, האָט מען מיר געגעבן די אדרעסן, און איך בין אָפּגעפלויגן קיין מינכען מיט דער איבערצײַגונג, אז דער טויט פון עזרא מאסעל אונטערשיידט זיך ניט מיסטאמע מיט גאָרנישט פון די אלע טויטן, מיט וועלכע די מיליאָנען קאָרבאָנעס זײַנען אומגעקומען. איך האָב

אָבער אויסגעפונען אנדערש: דער טויט פון עזרא מאסעל האָט מיך אָף אַזויפיל פאַרכאַפּט, אז שוין דאָרט, אין מינכען נאָך, אין האָטעלכל, האָב איך גענומען פאַרשרייבן דאָס געהערטע. ארויסגעקומען איז אָט די דאָזיקע דערציילונג. איך בין אָפּט גרייט איינצושטימען מיט דעם פילאָסאָף־פּאָעט סאנטאיאנא, וועלכער האָט זיך ערגעץ־ווו אויסגעדריקט: „מיר דאַרפן ענדערן דעם עמעס א ביסל, קעדיי מ׳זאָל אים קאָנען געדענקען". האָב איך באַוווּסטזיניק, לויט מיין שעפערישן אימפּולס, און עפשער אויך סטיל, דאָס געטאָן.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין מינכען אין א קליינעם האָטעל. עס איז געווען א שיינער ליכטיקער טאָג. איך האָב באַשלאָסן, אז אָט אין דעם דאָזיקן ערשטן שיינעם טאָג וועל איך שפּאַצירן איבער די גאסן, דערמאָנען זיך... זען דאָס פאַרבליבענע, ווי עס איז פאַרבליבן אין זיקאָרן, און זען דאָס פאַרענדערטע, דאָס נייע — ביז אבסאָליוטער פרעמדקייט. געגעסן מיטיק אין א רעסטאָראַן. קיין ייִדן ניט באַגעגנט. צוגעקומען צום הויז פון מיין געבורט, ווו מיינע עלטערן האָבן געוווינט ביז זייער לעצטן וועג צום טויט. דאָס הויז האָט זיך שוין אָבער פאַרענדערט. עס איז געווען איבערגעבויט, און די מענטשן אין דעם הויז האָבן מיינע עלטערנס נעמען קיינמאָל ניט געהערט. בין איך געשטאַנען און געקוקט אָף דעם הויז און בין ענדלעך אוועקגעגאנגען מיט א געפיל פון פוסטקייט, פון א ליידיקייט אין דער נעשאָמע. אין דעם זעלבן טאָג באַזוכט דעם בעסוילעם — דאָס איינציקע אָרט, ווו עס איז פאַרבליבן אן איידע ייִדן. צווישן זיי מיין זיידע און באָבע. אזוי איז אוועק דער טאָג.

דעם צווייטן טאָג האָב איך טעלעפאָנירט אין א שפּיטאָל, ווו איך האָב באַדאַרפט קאָנטאקטירן דעם דאָקטער, מיט וועמענס נאָמען מע האָט פאַרבונדן די קלאַנגען וועגן דעם פאַרבליבענעם ארכיוו פונעם פּראָפעסאָר גרעטץ. דער דאָקטער, האָט מען מיר געזאָגט, איז אוועקגעפאָרן קיין בערלין און וועט קומען צוריק מיט דריי אָדער מיט פיר טעג שפּעטער. איז מיר פאַרבליבן צו אראנזשירן מיינע טעג אין מינכען, אָף א וויפל מעגלעך פאַר מיר צופרידנשטעלנדיקן אופן. האָב איך באַשלאָסן ניט אָפּצולייגן און, אָנשטאָט וואַרטן, גלייך א נעם געטאָן זיך אויסצופאָרשן וועגן דעם טויט פון עזרא מאסעל.

עס איז פאַר מיר געווען קלאָר, אז מיין ערשטע אויפגאַבע איז אָפּצוזוכן דעם הער האַנס שולץ, פון וועמען די דייטשישע פרוי האָט געהערט וועגן מאסעלס טויט. האָב איך אָפּגעזוכט און באַזוכט דעם האָטעל, ווו כ׳האָב געהאָפּט צו טרעפן אים, אָבער אינעם האָטעל האָט מען אפילע ניט געדענקט דעם נאָמען פון דעם האַנס שולץ. האָב איך דערנאָך באַזוכט דעם רעסטאָראַן, אָבער אויך דאָרט האָבן זיי מיר געזאָגט, אז זיי ווייסן ניט, ווער דער הער שולץ איז. איך האָב געזוכט אין דעם טעלעפאָן־בוך, געפונען א פאָר צענדליק שולצן, אָבער ניט דעם האַנס שולץ, וועלכן איך האָב געזוכט. ביז עס איז מיר איינגעפאַלן צו באַזוכן דאָס הויז, ווו

שולץ איז מיט יאָרן צוריק געווען אָנגעשטעלט (אויך אָט דעם אדרעס האָט זי, די דײַטשקע, צוגעשטעלט), און גראָד האָט דער דאָזיקער אדרעס געבראַכט רעזולטאַטן.

דער פאַרשריבענער אדרעס האָט מיך געבראַכט צו א פּראַכטפולער צווייִשטאָקיקער ווילע אין דער שענסטער אומגעגנט פון דער שטאָט. די מענטשן, וועלכע האָבן דאָרט געוווינט, האָבן געמוזט, אפשר, זײַן פאַרמעגלעכע און פּראָמינענטע. איך האָב אָנגעקלונגען, און די טיר האָט האלב־געעפנט א קאַמערדינער. ער האָט מיר געזאָגט, אז לײַדער זײַנען די הערשאַפטן אָפּגעפאָרן אף א פּאָר וואָכן צו זייער זומער־היים. איך קאָן לאָזן מײַן וויזיט־קאַרטל, אויב איך וויל. האָב איך אים געזאָגט, אז מיר דאַכט, אז גראָד ער קאָן מיר עפשער מער ארויסהעלפן אין מײַן פּראָבלעם, איידער די הערשאַפטן. איך האָב אים געזאָגט, אז איך זוך א מאַן מיטן נאָמען האַנס שולץ, וועלכער האָט מיט יאָרן צוריק פאַרנומען א שטעלע אין דער דאָזיקער ווילע, ווען הער קורט גאָטפריד האָט דאָ געוווינט. איז... מעגלעך, אז ער האָט אמאָל געהערט וועגן אים און ווייסט, ווו ער געפינט זיך איצט.

האָט דער קאַמערדינער א ווײַלע געקוקט אף מיר, ווי ניט קענענדיק באַשליסן וואָס צו ענטפערן. ענדלעך א זאָג געטאָן, אז... יאָ, ער קען אים. קאַמערדינערס פון העכערן קלאַס זײַנען געוויינלעך באַקאַנט צווישן זיך אָדער האָבן געהערט איינער וועגן צווייטן. ער, פּערזענלעך, האָט ווייניק געמיינשאַפטלעכס געהאַט מיט שולצן, כאָטש שולץ, דאַרף מען זאָגן, איז זייער אן אינטעליגענטער און אפילע קולטורעלער מענטש. ער איז א גוטער מוזיקאַנט אפילע, — האָט ער צוגעגעבן מיט א שמייכל, — ער שפּילט פּיאַנאָ אויסגעצייכנט, האָט ער געהערט. ער איז זייער אן אימפּאָזאַנטער מאַן. ער איז הויך, א דזשענטלמען, א קאַמערדינער פּאַר־עקסעלענץ. ווייניק אזעלכע, ווי ער, אין אָט דער פּראָפעסיע. אויב דער הער וויל וויסן וועגן זײַנע פאַרגאַנגענע פּאָליטישע... אָנשויונגען, — האָט ער געזאָגט, ניט קוקנדיק אף מיר, — ווייסט ער גאָרניט וועגן דעם. דער הער קאָן אים געפינען איצט אין דעם גרינוואַלד־סאַנאַטאָריום.

איך האָב אים באַדאַנקט און אין דעם זעלבן טאָג אָפּגעפאָרן צום סאַנאַטאָריום — א שטרעקע פון א צען קילאָמעטער פון מינכען, ווו איך האָב אים אָן שוועריקײַטן געפונען. ער האָט אויסגעזען ווי דער קאַמערדינער האָט אים אויסגעמאָלן: הויך, שלאַנק, גראָוו, שיינע מאַנירן, גערעדט שטיל. איך האָב זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט און געזאָגט, אז איך קום פון אמעריקע.

— זייער אָנגענעם, — האָט ער געזאָגט און א פרעג געטאָן: — אף לאַנג בא אונדז... אין דײַטשלאַנד?

— צוויי וואָכן, — האָב איך געזאָגט.

— וווּנדערבאַר...

ער האָט מיך אײַנגעלאַדן אוועקצוזעצן זיך מיט אים אין א ווינקל פון דער גרויסער וועראַנדע, פון וועלכער עס האָט זיך געעפנט די פּאַנאָראַם פון א גרויסן,

שאָטנדיקן פּאַרק. כ'האָב אים געזאָגט, אַז איך קום צו אים לויט דער רעקאָמענדאַציע פֿון דער דײַטשישער פֿרוי (אָנגערופֿן איר נאָמען) און אַז איך וואָלט אים זייער דאַנקבאַר געווען, אויב ער וואָלט מיר געקאָנט אַרײַנפֿירן אין דער מיסטעריע וועגן דעם טויט פֿון דעם פֿאַרשווּנדענעם פּיאַניסט עזרא מאַסעל. ער האָט געקוקט אויף מיר אַ ווײַלע מיט זײַנע גרויע אויגן, ווי פֿאָרשנדיק מיך און ווי וועלנדיק אַרײַנדרינגען אין די קאָמפּליקאַציעס, צו וועלכע זײַנע ווערטער און עקספּאָזע וועלן אים דערפֿירן.

— איר זײַנט אַ ייִד, — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— יאָ, — האָב איך געענטפֿערט.

— דאָס פֿרייט מיך, — האָט ער ערנסט געזאָגט.

ווײַזט אויס, אַז זײַן פֿערזענלעכער דראַנג צו אַנטפּלעקן פֿאַר עמעצן דעם דראַמאַטישן עפּיזאָד, האָט אים געשטויסן צו רעדן צו מיר. ער האָט ווידער געקוקט אויף מיר אַ ווײַלע, ווי זוכנדיק אין מײַנע אויגן אַן אָנהייב צו זײַן דערציילן, און האָט אָנגעהויבן:

— עס איז שוין נאָך אַלעמען. און עס מאַכט ניט אויס, ווי שאַרף און ווי ברוטאַל איך וועל אַרויסברענגען די געשעענישן פֿון יענע טעג. ס'איז שוין אַלץ פֿאַריבער... אויב אַפֿילע איך צווייפֿל נאָך, צי אַלץ איז אינגאַנצן פֿאַריבער.

• •

דער פֿאָטער זײַנער, שולצס, איז געווען אַ מער־ווייניקער פֿאַרמעגלעכער אימפּאָרטירער פֿון אָריענטאַלישע טעפּיכער, און ער, האַנס שולץ, האָט ליב געהאַט מוזיק און געגרייט זיך צו אַ מוזיקאַליש־קינסטלערישער קאַריערע. נאָר ווען דער פֿאָטער האָט באַנקראָטירט און איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, און ער, האַנס, איז געבליבן מיט זײַן פֿאַראָרעמטער מוטער, האָט ער געמוזט אופֿגעבן זײַן שטודיע. דערנאָך איז די מוטער געשטאָרבן. דערנאָך — די מילכאָמע. אין דער מילכאָמע (די ערשטע וועלט־מילכאָמע) איז ער, צום גליק, געווען אַ סאַניטאַר אין דער אַרמיי, און אין דער שלאַכט בא ווערדען איז אים גראָד אויסגעקומען אָנצוטרעפֿן אויף דעם פֿאַרווּנדעטן קאַפּיטאַן גאָטפֿריד — אויך אַ מינכענער. מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער האָט דער קאַפּיטאַן גאָטפֿריד, מיט אַן אַמפּוטירטן רעכטן פֿוס און אַ פּראָמאָווירטער צום ראַנג קאָלאָנעל, זיך אומגעקערט קיין מינכען. און ווען ער, שולץ, וואָס איז אויך צוריקגעקומען קיין מינכען, האָט ניט געקאָנט געפֿינען קיין שטעלע און זיך ניט געקאָנט צופּאַסן צום פֿאַראָרעמטן לעבן, האָט ער באַשלאָסן צו גיין צום קאָלאָנעל גאָטפֿריד און אָננעמען בא אים די שטעלע אַלס קאַמערדינער, ווי דער קאָלאָנעל האָט אים פֿאָרגעשלאָגן, ווען ער איז נאָך געלעגן אַ פֿאַרווּנדעטער אין שפּיטאָל. און אַלס קאַמערדינער האָט ער שוין אָפּגעלעבט די רײַפֿסטע יאָרן פֿון זײַן לעבן. און עס טוט אים ניט באַנק אַפֿילע דער פֿאַרלוירענער כאָלעם

וועגן א קינסטלער־קאַריערע. וואָרעם... די הויפּט־זאַך — די מוזיק איז געבליבן לעבן אים און לעבט אין זײַן נעשאָמע ביז זײַן לעצטן אָטעם. די פּיאַנאָ איז נאָך אַלץ זײַן נאָענטסטע לײַדנשאַפט, מיט וועלכער ער קומט אָפּט אין באַרירונג, אַפילע דאָ, אין סאַנאַטאָריום.

די שטעלע זײַנע באַם קאָלאָנעל גאָטפריד איז געווען א צופרידנשטעלנדיקע אין יעדער הינזיכט. דער קאָלאָנעל איז געווען א זעלטענער מענטש, א בראַווער און, אין א געוויסן זין, א גײַסטרײַכער. די פרוי גאָטפריד איז געווען אן עכט קולטור־רעלע, אינטערעסאַנטע פּערזאָן, א גרויסע ליבהאָבערן פון מוזיק און קונסט און מיט אן אויסערגעוויינלעכן עסטעטישן געשמאַק. אין זייער ווילע האָט שטענדיק געהערשט א קינסטלערישע אַטמאָספער, וואָס סײַ זיי אַליין, סײַ זייערע פּראָמי־נענטע פרײַנט האָבן געשאַפן.

דער קאָלאָנעל קורט גאָטפריד איז געווען א רײַכער מאַן. ערשטנס, ווײַל זײַן פאָטער, אן אינדוסטריאַליסט, האָט אים איבערגעלאָזט א גרויסע ירושע; צווייטנס, האָט דער פרוי גאָטפרידס פאָטער צו זייער הייראַט געגעבן איר און דעם קאָלאָנעל די צווייסטאָקיקע ווילע, מיט דעם מעבל, מיט דער גראַנד־פּיאַנאָ, מיט די טײַערע טעפּיכער און קונסט־ווערק, און מיט דער אויסערגעוויינלעכער רײַכער ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך געפונען אפן צווייטן שטאָק אין דעם קאָלאָנעלס גרויסן קאַבינעט.

דאָ און דאָרט האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך דעם פאַרדאַכט, אַז פרוי גאָטפרידס באָבע איז געווען א ייִדישע און פון גאָר א הויכער, אַריסטאָקראַטישער אָפּשטאַמונג. דער קאָלאָנעל גאָטפריד האָט זי זייער געשעצט און אויך ליב געהאַט, אָבער... (דאָ גיב איך שוין איבער זײַנע רייד): „איך בין זיכער, אַז איר טויט, גראָד אין דער טרויעריק־באַרימטער „קרישטאָל־נאַכט״, די נאַכט, אויב איר געדענקט, נאָך דעם טאָג, ווען הערשל גרינשפּאַן האָט דערמאָרדעט דעם דײַטשישן אַמבאַסאַדאָר ערנסט פאָן ראַט אין פראַנקרײַך, גראָד אין דער דאָזיקער „קרישטאָל־נאַכט״, אין וועלכער אונדזער מינכען האָט זיך שטאַרק אויס־געצייכנט, איז די פרוי גאָטפריד געשטאָרבן און... איר טויט האָט, אַזוי צו זאָגן, באַפרײַט דעם קאָלאָנעל פון א פּײַנלעכער פּראָבלעם, פון א דילעמע, וואָס דער ראַסן־האַס האָט געשאַפן. דער קאָלאָנעל, מוז איך זאָגן, איז געווען אן אימפּאָזאַנ־טער פאַרשוין. א הויכער און שטאַרקער, אין די לעצטע יאָרן — א גראָווער, מיט א שראַם אף דער באַק, וואָס איז אים פאַרבליבן נאָך פון די יונגע יאָרן אין גע־פעכטן אין אוניווערסיטעט. ער איז געווען אן עכט־קולטורעלער מענטש, זייער באַלעזן, און אָפט פלעג איך גאַפן און באַ געלעגנהײַטן געפּרווט זיך צוהערן צו זײַן פאַרמעסט מיט די אַלע אינטעלעקטועלע פרײַנט זײַנע, וועלכע פלעגן קומען אין דער ווילע. ער איז אויך, ווי די פרוי גאָטפריד, געווען אן אויסגעצייכנטער פּיאַניסט, און ס׳האָט מיך ניט געוווּנדערט, וואָס צווישן זײַנע פרײַנט האָבן זיך געפונען באַרימטע שריפטשטעלער און קינסטלער. זיי פלעגן אָפט צוזאַמענשטעלן קוואַרטעטן און טריאָס און שפּילן אין דעם גרויסן זאַל, און איך פלעג זיך צוהערן

מיט טיפן פארגעניגן, און אָפט, ביז ווייטעק, מעקאנע זײַן. אין יענע יאָרן, פאר דער שרעקלעכער הערשאפט, פלעגט אין דער ווילע קומען אויך דער פיאנאָ־קאָנצערטיסט עזרא מאסעל. זעלבסטפארשטענדלעך, אז דאָס פלעגט געשען נאָך זײַן אומקערן זיך פון די קאָנצערטן, מיט וועלכע ער פלעגט ארומפאָרן פון לאנד צו לאנד, פון מעטראָפּאָליע צו מעטראָפּאָליע... איך, ווי א קאָמערדינער, האָב גע־קאָנט אומגעשטערט באקוקן אלע געסט און פרײַנט און זייער אָפט אויך הערן זייערע געשפּרעכן, זייערע דעבאטן און אָפט אפילע... פארבאָרגענע סוידעס, ווײַל א קאמערדינער איז א מין אבסטראקט־אינטימער... אזא נאָענטער מענטש (עס האָט זיך מיר געוואָלט זאָגן: זאך), וואָס קיינער באמערקט אים שוין ניט, אָט ווי א בילד אף דער וואנט, צו וועלכן מ׳ווערט צוגעוווינט דורך די יאָרן; האָב איך א סאך געהערט, א סאך געזען...״

ער האָט זיך פארטראכט אף א ווײַלע. געשוויגן.

— יאָ... מאסעל. ווען ער פלעגט קומען, האָט אים שטענדיק געצויגן צו שפּילן. און ווי איך האָב פארשטאנען — צוליב פרוי גאָטפריד און, מיסטאמע, אויך צוליב דעם אייגענעם דראנג און פארגעניגן. אייגנטלעך, האָב איך ווייניק געוווּסט וועגן מאסעלן. איך האָב געקוקט אף אים, ווי שלאנק און ווי איידל ער איז און ווי צויבערהאפט, ווירטואָזיש ער שפּילט. זעלבסטפארשטענדלעך, אז יעדער איינער האָט געוווּסט, אז ער איז א ייִד. און דערפאר עפּשער האָט מען אזוי ווייניק גע־רעדט וועגן זײַן אָפּשטאם, אפילע ניט אין זײַן אָפּוועזנהײַט. איך גלייב קוים, צי ער האָט אמאָל פארלייקנט, צי געשעמט זיך מיט זײַן אָפּשטאם. אָבער ווען איך האָב געזוכט אין די „ווער איז ווער״־ענציקלאָפּעדיעס, האָב איך אין ערגעץ ניט געפונען קיין אייִנצלהײַטן וועגן זײַן לעבן, כוץ דער קורצער אינפאָרמאציע: גע־בוירן אין דער אוקראַיִנע, איז דרײַסיק אָדער עטלעכע און דרײַסיק יאָר אלט. פארענדיקט די מאָסקווער און בערלינער קאָנסערוואטאָריעס, קאָנצערטירט מיט די און יענע סימפאָנישע אָרקעסטערס... און דאָס אלץ... מעגלעך, אז איר ווייסט מער וועגן אים.

— יאָ, — האָב איך געזאָגט, — ער שטאמט פון א מישפּאָכע כאזאָנים. זײַן זיידע און זײַן פאָטער זײַנען געווען כאזאָנים אין א קליין שטעטל אין דער אוקראַיִנע.

— אָט דאָס האָב איך ניט געוווּסט, — האָט שולץ געזאָגט מיט אן אופגעלויכ־טענעם פּאָנעם. — און דאָס אנטפּלעקט פאר מיר דעם סאָד פון דעם פאטאלן מאָ־מענט זײַנעם, צו וועלכן מיר וועלן קומען.

ער איז אנשוויגן געוואָרן, און איך האָב געוואַרט.

— איך מוז אײַך צום ערשטן דערציילן, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן, — וועגן קאָלאָנעל גאָטפרידס א קוזען, דעם קאפּיטאן קארל שליק, וועלכער איז אין פריי־וואטן לעבן געווען א יוריסט און אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, מיטן ראנג פון א קאפּיטאן, געווען אין דעם זעלבן רעגימענט מיט דעם דעמלטיקן קאפּיטאן גאָטפריד. אָן דעם קאפּיטאן שליק און זײַן פארפלוכטן האס צו ייִדן וואָלט דאָס

געשעענע ניט געשען. זייער נאָענטשאַפט צוליב זייער קריוועשאַפט האָבן זיי אָנגעהאַלטן אויך נאָך דער מילכאָמע. איך האָב שטענדיק געצווייפלט אין קאַפּיטאַן שליקס אופריכטיקייט, אין זײַן פרײַנטשאַפט צום קאָלאָנעל און צו זײַן פרוי. איך וואָלט ניט געמאַכט קיין טאָעס, ווען איך וואָלט געזאָגט, אַז ער האָט זיי פײַנט געהאַט, געהאַסט אַפּילע. און די סיבע איז געלעגן אין דעם אונטערשייד פון זייער עקאָנאָמישן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן סטאַטוט. קאַפּיטאַן שליק איז ניט געווען אַן אָרעמאַן, אָבער זיכער ניט אַזוי רײַך און אָנגעזען, ווי קאָלאָנעל גאָטפריד. און ער האָט ניט פאַרגונען דעם קאָלאָנעל זײַן רײַכטום, זײַן שיינע קלוגע פרוי און ניט אַפּילע זײַן האַלב־אַמפּוטירטן פוס. שליקן האָט ניט געגליקט אַלס יוריסט, און ער איז פאַרבליבן אין דעם ראַנג פון אַ קאַפּיטאַן אין דעם אַרמיי־רעזערוו. אָבער ווען די פאַשיסטן האָבן איבערגענומען די מאַכט, איז ער, אַ צערייצטער פון דעם „ווערסאַלער פרידן”, גלײַך צוגעשטאַנען צו זיי און געוואָרן אין מינכען איינער פון די זײַלן אין דער „געסטאַפּאָ”. ער איז, צו אונדזער שאַנד, געווען אַ דײַטש, ווען די מאַכט זײַנע האָט אים שטאַרק אימפּאָנירט און אים פאַרוואַנדלט אין אַ מענטשן אָן געוויסן, אין אַ בלוטדורשטיקער כײַע, אין אַ סאַדיסט און מערדער. אין זײַן פאַנאַטישער וויזיע, ווי אין דער וויזיע פון זײַן פירער, האָט ער געזען די ענדגילטיקע לייזונג אין דער טאָטאַלער פאַרניכטונג פונעם יידנטום און פון אַלע דעמאָקראַטישע ווערטן.

און גראָד ווען די האַקנקרייצלער האָבן איבערגענומען די מאַכט, גראָד נאָך כאַדאָשים פון אָפּוועזנהײַט האָט ער זיך פּלוצעם באַוויזן אין דער ווילע. ער איז אייניקע מאָל געקומען צום קאָלאָנעל און גערעדט מיט אים וועגן דײַטשלאַנד. איך געדענק, ווי איינמאָל, אַרופּקומענדיק מיט קאַווע און קוכנס אין קאָלאָנעלס קאַבינעט, האָב איך געזען, ווי קאַפּיטאַן שליק גייט לאַנגזאַם מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, ווי אין עס־עס־סאַליוט, גייט פון איין שאַפע מיט ביכער צו דער צווייטער און רעדט: „...יודן... יודן... וואַסערמאַן... פויכטוואַנגער... המ... טאָמאַס מאַן — אַ יודן־לעקער... ראָמען ראָלאַן — דאָס זעלבע... אַרנאָלד צווייג... פּרוסט... היינע... פרויד... קאַפקאַ... עמיל לודוויג... ברעכט... — זיי פאַרשטינקען דײַן הויז... און... כאַ־כאַ־כאַ!”

ער האָט גענומען די ביבל אין דער האַנט און זיך צעלאַכט נאָך הילכיקער:

— אויך דאָס דאָזיקע בוך, אין וועלכן עס ליגט דער פאַרפלוכטער יידישער גײַסט און טעסטאַמענט! שטעל אונטער דײַן לינקע באַק, קורט, און לאָז די רוסן, די אַמעריקאַנער שווײַנע, די פראַנצויזן און ענגלענדער פּאַטשן דיך... ווי קאָנסטו קוקן רויק אַף די דאָזיקע ווערעמדיקע ווערק פון דרעקישע יודן און לאָזן דײַן קאַבינעט אָטעמען מיט זייער אָנשטעקנדיקן מיקראָבן־גײַסט. ווען האָסטו אָנגעזאַמלט די דאָזיקע ביכער, קורט?

— דו ווייסט עס זייער גוט, קאַרל, — האָט דער קאָלאָנעל געזאָגט, — אַז איך און מײַן פרוי האָבן שטענדיק ליב געהאַט צו לייענען, איבערהויפּט די לעצטע

יאָרן. און דו ווייסט אויך זייער גוט, אז די ווילע, און די ביבליאָטעק, און אַלץ אין דער ווילע איז מיר געגעבן געוואָרן אַלס געשאַנק פון מײַן פרויס פאָטער.

— א, יאָ, יאָ... דײַן פרוי, — האָט שליק מיט כויזעק געשמייכלט, — כ'האָב שיר ניט פארגעסן. יאָ, איך ווייס דאָך — דײַן פרוי האָט שטענדיק ארופגעצווונגען איר עסטעטישן און גײַסטיקן געשמאַק אַף דעם הויז און איבערהויפט אַף דיר. — און, אָנווײַזנדיק פֿלוצעם אַף דער וואַנט, אַף וועלכער עס איז געהאַנגען א בילד, האָט ער קימאַט אויסגעשריגן: — דאָ, אַף דער וואַנט... א שאַגאַל... דאָרט, אַף יענער וואַנט — א מאָדעליאַני... יאָ, איך מוז צוגעבן, אז איך האָב דאָס אַלעס אויך פריִער געזען, אָבער ניט באַנומען זייער ווירקונג. רײַס מיט זיי, קורט! ס'איז א פאַר־שוועכונג פון אונדזער דײַטשישן גײַסט. און, קורט... איך זע ניט בא דיר דעם פיורערס בוך „מײַן קאַמף”.

קאָלאָנעל גאָטפריד האָט אָנגעוויזן אַף דעם רעוואָלווער און אַף דעם בוך, וואָס איז געלעגן אונטער דעם רעוואָלווער אַף זײַן ביוראָ־טיש, און געזאָגט:

— „מײַן קאַמף” איז אונטער מײַן רעוואָלווער, קאַרל, ווי דו קאָנסט עס זען.

שפּעטער, ווען זיי זײַנען אראָפּגעקומען אין זאַל, האָט זיך קאַפּיטאַן שליק פלוּ־צעם שטאַרק פאַרינטערעסירט מיט די סאָלידע נאָטן־ביכער. געמישט איין בוך נאָכן צווייטן און אָפּגעוואָרפן די מערהײַט מיט כּאַס:

— מענדעלסאָן... גוסטאַוו מאַלער... יודן! יודן! אַך, בעטהאָווען... גאָט פאַר־דאַמטער — דער מײַסטער און די וואַנץ ראַוועל מיט זײַנע „העברעיִשע מעלאָ־דיעס”! שטונק! וואַגנער, דער דײַטשישער געני, און... כּא־כּא־כּא... גערשווין! ס'א שאַנדע, קורט... — אָבער צו פאַרגלעטן זײַן שאַרפן אָנגריף אַף דעם קאָלאָנעל און עפּשער ווילנדיק אָנווײַזן אים אין דער זעלבער צײַט, ווו עס ליגט די אויטענ־טישע, ריין־דײַטשישע קונסט, האָט ער א פרעג געטאָן: — ווי געפעלט דיר, קורט, אונדזער גערהאַרט האַופּטמאַנס נײַ שטיק, די שפּיל „די טאָכטער פון דעם קאַ־טעדראַל”? ניט געזען נאָך? אַך, דאָס מוזסטו זען. דער אַלטער איז גרויסאַרטיק, פּראַכטפול!

ניין, נאָך ניט געזען, — האָט דער קאָלאָנעל געענטפערט. — דו ווייסט דאָך, אז די לעצטע יאָרן גיי איך זעלטן ארויס.

— יאָ, איך ווייס, — האָט שליק געזאָגט, — און דאָך מיין איך, אז אפילע אין דײַן צושטאַנד וואָלסטו געקאָנט און געמוזט צוריקקומען צום רײַכסווער און אָנ־שליסן זיך אין דעם קאַמף פאַר דעם פאָטערלאַנד. — א קלאַפּ געטאָן גוטברודעריש דעם קאָלאָנעל אין אַקסל, גענומען זײַן מיילטער־היטל און א זאָג געטאָן: — אַף ווידערזען, קורט! — און איז אוועקגעגאַנגען.

אין דעם זעלבן טאָג האָט מיר דער קאָלאָנעל געזאָגט: „האַנס, טראָג אראָפּ די ביבל אין קעלער, און די ביכער, וועלכע איך וועל ארויסנעמען פון די שאַפעס, זאָלסטו פאַרברענען אין קעלער־אויוון”.

האנס שולץ איז ווידער אנשוויגן געוואָרן, האָב איך זיך באנוצט מיט דער געלעגנהייט און א פרעג געטאָן:

— און ווי האָט דער קאָלאָנעל, אין אלגעמיין, זיך באצויגן צום היטלעריזם?

— אך, מיר זיינען געווען צוויי... אליין, האָבן מיר זיך זייער דערנעענטערט איינער צום צווייטן. זעלבסטפארשטענדלעך, אף וויפל אונדזערע פאָזיציעס און מיין רעספעקט האָבן דערלויבט. איך דערמאָן זיך: בלויז אייניקע מאָל נאָך דער פרוי גאָטפרידס טויט האָבן מיר גערעדט וועגן די פאָליטישע געשעענישן, און דער קאָלאָנעל האָט איינמאָל געזאָגט: „דאָס דייטשישע פאָלק, האָב איך געמיינט, גייט צו זיין שיקזאל, צו זיין גרויסקייט דורך די טויערן פון גענעם. האָב איך גע־טראכט — זאָל זיין געפירט אפילע פון א היטלער, פון א מאניאק. איך האָב אין מיין לעבן געזען, אז ניט אלע מאָל מוז דער פראָפעט זיין א געטלעך געשטאלט. אז, אייגנטלעך, איז ער מערסטנס אין טייוולס געשטאלט. ניט איין מאָל ווערט די גרויסקייט און מעכטיקייט פון א פאָלק פלאנירט און עקזעקוטירט פון טיראנען. בין איך אויך באם אָנהייב פארכאפט געוואָרן פון זיינע, היטלערס, בלוטיקע, שווארצע, פאנטאסטישע אפילע, וויזיעס; פון זיינע דינאמישע רייד און שווונג און שטרעבונג צו פארוואנדלען אונדז אין א הערן־פאָלק צווישן און איבער די פעלקער פון דער וועלט. איך האָב געמיינט, אז מיר טראָגן אין זיך די פאָטענציעלע קרעפטן. אָבער ווען איך האָב דערזען, אז דער דאָזיקער שווונג איז אָנגעווענדט געוואָרן און געצילט געוואָרן אף דער טאָטאלער פארניכטונג פון א פאָלק, מע מעג זאָגן, פעלקער, האָב איך גענומען צווייפלען, גענומען שרעקן זיך, גענומען שעמען זיך. איך קאָן ניט זיין שטאָלץ מיט דעם. און איך שייד זיך אָפּ פון אלעס, וואָס געשעט ארום אונדז. איך קוק זיך צו, ווי אונדזער פעבעל און אויך ווי אונדזער „גאָט־פאָרכטיק פאָלק" שפּארט און ווערט געטראָגן נאָך דעם פיורער צו די ברעגן פון דעם אָפּגרונט, וואָס ווערט אָנגעפילט מיט בלוט, און איך זאָג צו זיך: ניין, דאָס איז ניט מיין פיורער. דאָס איז ניט מיין טרוים. דאָס איז ניט קיין הערן־פאָלק. אויב מיר מוזן נאָכפאָלגן דעם טייוול, דארף אפילע דער טייוול טראָגן אין זיך עפּעס א קלוגשאפט, עפּעס א פארכאפנדיקע רויטע שיינקייט, א רייץ אפילע... און שוועבן אין דער ספערע פון עפּעס א פאָעטישקייט, אָט ווי דער טייוול אין געטעס „פאוסט"... אָבער בא דעם פארבלוטיקטן סאדיסט־מאניאק זע איך בלויז שווארצע, פינצטערע שרעק".

שולץ האָט שווער געאָטעמט פון עמאָציאָנעלער אופרעגונג, געווישט דעם שטערן מיטן טיכל און ווייטער דערציילט:

— איך געדענק, איינמאָל... עס איז געווען א שיינער, ליכטיקער טאָג, ווען קאפיטאן שליק האָט אָנגעקלונגען בא דער טיר. ער איז אריינגעקומען זייער א צופרידענער, א שמייכלדיקער מיט דעם ספעציפיש גיפטיקן שמייכל זיינעם, און ער האָט א זאָג געטאָן צום קאָלאָנעל:

— אך, איך האָב אינטערעסאַנטע נײַס פאַר דיר, קורט. מיר האָבן די וואָך אַרײַנגעקראָגן אין אונדזערע הענט דײַנעם א גוטן... באַקאַנטן, שיר ניט געזאָגט, פרײַנט. דעם פּיאַניסט עזרא מאַסעל. ער האָט געזאָגט, אַז ער קען דיך... געמיינט, מיסטאָמע, אַז דאָס וועט אים העלפן.

— און אין וואָס ווערט ער באַשולדיקט? — האָט דער קאָלאָנעל געפרעגט.

— באַשולדיקט אין וואָס?! — האָט זיך שליק צעלאַכט. — קאָנפידענציעל — ער איז א יודע. איז דען דאָס ניט גאַנץ גענוג?

— פון שטרײַכערס שטאַנדפּונקט אָף געוויסקייַט איז דאָס אַזוי. נעמסט דאָך ניט שטרײַכערס „שטירמער” אַלס געזעצגעבנדיקן קאָדעקס?

— אך, ניט שטרײַכערס, קורט. זאָג: די איצטיקע דײַטשישע געזעצגעבונג.

— איז ווו געפינט ער זיך איצט, קאַרל?

— דערווײַל אין מײַן אָפּטיילונג. מיט א וואָך שפּעטער — קיין דאַכאַו. דו ווייסט דאָך דאַ־כאַ־ו... בלויז א צוואַנציק קילאָמעטער פונדאַנען.

— איך גלייב, אַז דער גע׳יעג אָף די יידן פאַרשאַפט דיר פאַרגעניגן.

— נאָך מער, ווי דער גע׳יעג אָף האָזן און פוקסן.

— דאַכאַו מוז שוין זײַן איבערפולט.

— האָבן מיר נאָך אַנדערע לאַגערן. צו דערמאָנען בלויז צוויי — בערכסטעס־גאַדן און בוכענוואַלד. און ווי לאַנג, מיינסטו, וועט ער דאָרט אָנגעדויערן, אין דאַכאַו? — האָט זיך שליק צעלאַכט. — איך וועל שוין זען, אַז ס׳זאָל ניט נעמען לאַנג און ער וועט מאַכן פּלאַץ פאַר אַן אַנדערן. די פאַרשפּאַרטע דאָרט קומען זעלטן צוריק. מיר זוכן ניט צו קאָרעקטירן זיי — עס וואָלט געווען אומעגלעך צו קאָרעקטירן א יידישע נאַטור — מיר פאַרניכטן זיי — דירעקט אָדער אומדירעקט, מיט באַהאַנדלונג, אונטער וועלכער דער טויט איז זיסער פון האָניק.

— האָסטו געזען אַמאָל, ווי מע פּײַניקט דאָרט?

— געזען די פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. דו וואָלסט עס ניט געוואָלט זען, גלייב איך. זיי זײַנען שרעקלעך, שוידערלעך.

— מוזן מיר, דאָס קולטורעלע דײַטשישע פאָלק, האָבן אָט די דאָזיקע אינ־קוויזיציע?

— אַלע גרויסע, קולטור־ציוויליזירטע פעלקער האָבן דעם דאָזיקן מין אינקווי־זיציע.

— און מיר פאַרניכטן איבערהויפּט אומשולדיקע יידן, ווײַל זיי זײַנען געבוירן געוואָרן יידן?

— זיי מעגן זײַן די העכסטע, ווי די איינשטיינס, אָדער ווי די ראָטשילדס, צי ווי די אָרעמסטע בעטלער — אויב זיי זײַנען יודן, זײַנען זיי פון איין שניט.

— ס׳איז גענאָציד. די מענטשהײַט וועט פּראָטעסטירן. מ׳וועט דאָס אונדז ניט פאַרגעבן.

— מיר האָבן שוין פארנומען פוילן, פראנקרייך. און באלד וועלן מיר האָבן גריכנלאנד. און מיר וועלן נאָך זען, ווי ענגלאנד קריכט אף די קני. און דו זאָגסט: מענטשהייט! די מענטשהייט וועט פלוצעם נעמען לויפן אָנעמען זיך פאר די יודן! די קריסטן, די מאהאָמעדאנער, די הינדוסן, די כינעזער וועלן זיך אָנעמען פאר די יודן! דו האָסט נאָך ניט געלערנט, קורט. מיר מוזן ברענגען צו דער מענטשהייט אונדזער ווילן — מיט דיפלאָמאטיע צי מיט טעראָר; מיט ליגנס צי מיט עמעס.

ער האָט א כאפ געטאָן פון טיש דעם בוך „מיין קאמף", א מיש געטאָן די בלעטלעך און גענומען לייענען: „א שטאט, אין אונדזער דאָר פון פארפעסטעטע ראסן, א שטאט, וועלכער ווידמעט זיך צו קולטיווירן זיינע בעסטע ראסן־עלע־מענטן, אזא שטאט מוז אין איינעם א טאָג ווערן דער הערשער פון דער ערד, און אויבערמייסטער־ראסע, געשטיצט דורך די רעסורסן פון דעם גאנצן ערדקיילעך". האָסט דאָס געלייענט, קורט?

— געלייענט.

— איינשטימיק?

— עס וואָלט מעגלעך געווען אָן געגאַציד. עס איז מעגלעך צו קולטיווירן די אייגענע בעסטע ראסן־עלעמענטן, אויב דאָס פאָלק, וואָס וויל עס קולטיווירן, ווערט ניט אליין דער פארגיפטער פון דער מענטשהייט.

— ווייסט, קורט, אפילע מיט מיר וואָלסטו באדארפט זיין פאָרזיכטיק אין דיין אָפּאָזיציע.

— מיין אָפּאָזיציע איז בלויז אין מיין געדאנק, אין מיין פילאָסאָפישן בליק אף דעם לעבן.

— אויך די יידן טראָגן זייער אָפּאָזיציע און פילאָסאָפיע אין זייער געדאנק, אין זייערע ביכער און שטעלן עס איין אין לעבן מיט דער הילף פון זייער גרויס־קאפיטאל. איך מיין ניט, פארשטייט זיך, צו פארגלייכן דיך צו די יידן. איך מיין צו זאָגן, אז קיינער פון אונדז, דייטשן, טאָר זיך ניט שטיצן אף צעקראָכענער פילאָסאָפיע. דו וואָלסט באדארפט לייענען ניצשען.

— איך האָב אים געלייענט. ער האָט ניט געמיינט דאָס, וואָס... דו פריידיקסט און פראקטיצירסט.

— איך בין ניט קיין סענטימענטאליסט. איך לעב מיט טאַט. איך בין דער איי־ביקער סאָלדאט אין קאמף פאר מיין פאָלק און פאָטערלאנד.

— איך בין אויך געווען א סאָלדאט, אָבער איך האָב געקעמפט מיט א באַ־וואָפנטן פיינט.

— דער אומבאוואָפנטער פיינט, וועמען דו האָסט אין זינען, מיינענדיק די יידן, זיינען באוואָפנט מיט טיפע אינטריגעס, מיט מיליאָרדן גאָלד, מיט א גייסט, וואָס צעפרעסט, ווי זשאווער, וואָס שטעקט אָן ווי מיט געפערלעכע מיקראָבן.

— זאָג מיר אָפנהערציק, קארל... מיט וואָס איז דער פּיאַניסט מאסעל דער זשאַוועַר פאר דעם דײַטשישן פאָלק?

— איך האָב דיר שוין געזאָגט — ער איז א יודע. און מיר האָבן ניט קיין צײַט, און מיר קאָנען זיך ניט פארגינען צו נעמען רעגטגען־בילדער פון יעדער יידישער נעשאָמע, פון יעדן יידישן מויעך. מיר קומען ניט היילן די מיקראָבן, מיר קומען צו פארניכטן זיי.

— האָסטו אים, מאסעלן, געהערט אמאָל שפּילן?

— ניין. זײַן שפּילן האָט מיך ניט אינטערעסירט.

— ווען ער שפּילט, איז ער ניט ספּעציפיש ייִד. ווען ער שפּילט, זעסטו און הערסט די געניאַלע קאָמפּאָזיטאָרן, ווי בעטהאָווען, אשטייגער. ווען איך האָב אים געהערט שפּילן, האָב איך ניט געקוקט אף אים. איך האָב בלויז געהערט.

— ווי איך זע, ביסטו שטארק באַגײַסטערט פון אים.

— יאָ, ווי א פּיאַנאָ־קאָנצערטיסט האָט ער מיך איבערראשט. אָבער, ווי איך געדענק, קארל, האָסטו דאָך אויך ליב געהאט מוזיק.

— יאָ, איך האָב ליב מוזיק.

— וואָלט איך געוואָלט, אז דו זאָלסט אים הערן שפּילן. אויך דער פיורער הערט אמאָל זײַנע פּײַנט שפּילן. ער באפעלט, אז זיי זאָלן פאר אים שפּילן. וואָלסטו מיר צוליב געטאָן און וואָלסט געקאָנט באפעלן אים צו שפּילן פאר אונדז?

— דו שפּאסט. ווו און וויאַזוי? ער איז קאפּוט.

— אויב ער איז נאָך אין דײַנע הענט, איז איידער דו שיקסט אים אוועק קיין דאַכאו, קאָנסטו באפעלן צו ברענגען אים אהערצו... אין געהיים, אזוי צו זאָגן. זאָל ער שפּילן פאר אונדז. דאָס לעצטע מאָל עפּשער.

— כאַ! ס׳וואָלט עפּשער געווען אינטערעסאנט צו זען דאָס. עס וואָלט מיך אמוזירט צו אָבזערווירן זײַן פּאָנעם, און זען, ווי עס ציגדט זיך עפּעס א פונק פון האָפענונג אין אים. וואָרעם... ער שפּילט דאָך פאר דעם פרײַנט זײַנעם, קאָלאָנעל גאָטפריד, און איבערהויפּט פאר דעם קאפּיטאן שליק. דאָס שמעקט דאָך מיט עפּעס א פאוואָריטיזם, מיט עפּעס א האָפענונג, אז דאָס שפּילן זײַנס וועט עפּשער ראַטעווען זײַן לעבן. ס׳איז עפּשער אן אינטערעסאנטע שפּיל אין אזא מין עסטעטישן פּײַן, דער אָנהייב פון א מער שוידערלעכער פּײַן. גוט, זאָל ער שפּילן פאר אונדז, און דערנאָך — קאפּוט. איך וועל עס טאָן פאר דיר, קורט. איך אליין וועל אים ברענגען אהערצו, זאָל ער שפּילן. און דאָרט, אין דאכאו, וועל איך דערנאָך הייסן אופּהענגען אים בא זײַנע אלע צען פינגער... אויסציִען זיי ווי דינע, בלוטיקע לענטעס.

— איך קאָן דיך ניט פארשטיין, קארל. איך דענק, אז אין מענטשלעכן סאדיזם ליגט אָפּט דער פארלאנג צו באפרײַען און באפרידיקן דעם מאזאָכיזם.

— טײַטש עס, ווי דו ווילסט, קורט. דאכאו איז ניט א פּאנסיאָן צי א סאנאטאָ־

ריום. ווער עס טרעט דאָרט אריבער די שוועל, דארף לאָזן אלע האָפענונגען אין דרויסן, ווי עמעצער, איך געדענק ניט ווער, עס האָט געזאָגט צי געשריבן.

— דאנטע האָט עס געשריבן, רעדנדיק וועגן דעם „אינפערנאָ“, — האָט דער קאָלאָנעל געזאָגט. — און ווי איך שטעל זיך פאָר, וואָלט פאר אים, פאר מאסעלן, געווען בעסער צו שטארבן פלוצעם, אומדערוואַרט, ווי פון א גוט געצילטער רעד־וואָלווער־קויל, איידער ארייַנצופאלן אין די הענט פון די עקספערטן, מייַסטער־פּייַניקער דאָרט... טאָ ווען זאָל איך דיך דערווארטן, קארל, מיט דעם פּיאנאָ־שפּילער, אויב דו קאָנסט עס באווייַזן?

— מאָרגן אין אָוונט. דער איינציקער אָוונט, ווען איך קאָן עס, ווי איך דענק, ארראנזשירן. דערווייַל... אך, איך זע, אז האָסט שוין ארויסגעוואָרפן די ביכער.

— יאָ, פארברענט. עס ווונדערט מיך בלויז, צי זיי זייַנען שוין טאקע טויט, צי פייַער איז געווען גענוג צו פארניכטן זיי.

— זיי וועלן אלע זייַן טויט. די צייַט וועט עס זיכער באווייַזן.

— און אין גייַסטער גלייבסטו, קארל?

— כאַ! די טויטע קומען ניט צוריק.

— און איך טראכט אָפּט, אז זיי גייען גאָרניט אוועק, זיי בלייַבן אין אונדז.

— ביסט אין א מיסטישער וואָרטשפּיל־שטימונג, זע איך. טרייסל זי אָפּ פון זיך, די דאָזיקע שטימונג. אלזאָ, איך וועל איצט גיין. מאָרגן אין אָוונט, קורט, וועלן מיר געניסן פון דער פּרעלימינארער שפּיל, וואָס וועט קולמינירן אין דעם דאַכאַו אינפערנאָ.

— איך וועל ווארטן.

האנס שולץ האָט געשוויגן א ווייַלע און דערנאָך געזאָגט:

— מייַן ליבער הער, איך דערצייל אייַך דאָס אלעס, און איך שטעל אוועק דעם קאָלאָנעל גאָטפריד און אויך זיך אונטער א... סימפּאטישער ליכט פון טאָלעראנץ און מענטשלעכקייַט, ניט ווייַל איך בין א דייַטש און איר זייַנט א ייִד, פאר וועלכן איך וויל זיך אויספּייַנען און באווייַזן, אז עס זייַנען דאָ און עס זייַנען געווען אויך גוטע מענטשן, דייַטשן, אין דייַטשלאנד. ליידער האָבן זייער ווייניק דייַטשן עפּעס געטאָן צו באקעמפן דעם היטלעריזם. אָבער לאָמיך קומען צום קולמינאציע־מאָ־מענט... אפן צווייטן אָוונט איז צו דער ווילע צוגעפאָרן א גרויסער שווארצער אויטאָמאָביל, און ווען איך האָב געעפנט די טיר, האָב איך דערזען צום ערשטן דעם הער מאסעל און הינטער אים דעם קאפּיטאַן שליק. אין אויטאָמאָביל, האָב איך געזען, איז געבליבן זיצן דער שאָפער, אן עס־עס־מאַן. איך האָב דעם הער מאסעל שוין צוויי יאָר ניט געזען. ער האָט געטראָגן א שווארצן אָנצוג, אויסגע־זען אָפּגעצערט און בלייך. ער האָט א קוק געטאָן אף מיר און לייַכט א שמייכל געטאָן. און ווען ער האָט דערזען דעם קאָלאָנעל, האָט ער ניט געוווּסט, ווי צו האלטן זיך. און עפּשער יאָ פארשטאנען, ווי צו האלטן זיך. דער קאָלאָנעל האָט

אים די האנט ניט געגעבן. פארשטאנען, מיסטאמע, אז ס'איז בעסער אזוי. ער האָט בלויז א זאָג געטאָן:

— אָט זעען מיר זיך ווידער, מאסעל.

— יאָ, ס'איז גוט צו זען זיך, — האָט מאסעל געזאָגט, — איבערהויפּט איצט.

דער קאָלאָנעל האָט מיר נאָך פון פריִער אָנגעזאָגט צוצוגרייטן ביר, און קאָר־ניאק, און קאווע, און ווורשט, און זיסע געבעקסן — האָב איך עס צוגעגרייט. און ווען דער קאָלאָנעל האָט צו מיר א ווונק געטאָן, האָב איך שוין געוווּסט, וואָס ער וויל, און בין ארויסגעגאנגען אלעס צוגרייטן. ווען איך בין צוריקגעקומען, איז מאסעל געזעסן בא דער גראנד־פּיאנאָ, ווי צוגעשמידט צום שטול. עס האָט מיך שטארק פארדראָסן, וואָס איך האָב געמוזט דורכלאָזן און ניט זען, און ניט הערן, וואָס עס איז פאָרגעקומען נאָך מײַן אוועקגיין צוצוגרייטן די געטראנקען. אָבער ווען איך בין געשטאנען און אויסגעשטעלט אפן טיש די גלעזער, פלעשער און עסנווארג, האָב איך געהערט, ווי דער קאָלאָנעל זאָגט:

— דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב אײַך געהערט, האָט איר געשפילט מיט דער בערלינער סימפאָניע בראמס' פּיאנאָ קאָנטשערטאָ נומער איינס.

— יאָ, איך געדענק עס אויך, קאָלאָנעל, — האָט מאסעל באשטעטיקט.

— איר האָט עס געשפילט מײַסטערפול.

— א דאנק, קאָלאָנעל.

— איך וואָלט עס געוואָלט נאָכאמאָל הערן, אָבער אָן דעם אָרקעסטער וועט פּילײַכט זײַן שווער ארויסצוברענגען די קאָנטשערטאָ און אײַער שפּילן אין דער פולער פּראכט. וואָלט איר עפּשער געשפּילט פאר אונדז בעטהאָווענס „אפּאסיאָ־נאטא"?

— איך וועל פּרוּוון.

— צום ערשטן דאָס „האָרסט וועסעל ליד", — האָט זיך שליק אָנגערופן. — לאָ־מיר הערן, ווי מײַסטערפול ער שפּילט עס.

מאסעל האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. זײַן בליק, געווענדט צו שליקן, איז געווען קאלט און אומדערשראָקן. עס איז אוועק קימאט א מינוט, און ער איז נאָך אלץ געבליבן אומבאוועגלעך.

— זאָל ער עפּשער צום ערשטן שפּילן די „אפּאסיאָנאטא", קאפּיטאַן שליק? — האָט דער קאָלאָנעל געזאָגט.

— ער וועט צום ערשטן שפּילן דאָס „האָרסט וועסעל ליד". עס איז מײַן באַ־פעל, — האָט שליק קאלט און הארט געזאָגט. — און אויך איר, קאָלאָנעל גאָטפריד, וועט זיך אופשטעלן און הערן.

דער קאָלאָנעל האָט גאָרניט געענטפערט. ער האָט געקוקט אף מאסעלן מיט ווייכקײַט, מיט א שמייכל אפילע און מיט עפּעס א דערוואַרטעניש.

מאסעל האָט זיך לאנגזאם אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו דער פּיאנאָ, ארופגע־לייגט זײַנע לאנגע פינגער אף די קלאווישן, געזעסן ווי א פארגליווערטער קימאט

א מינוט און מיטאמאַל גענומען שפּילן... איך האָב גלײַך דערקענט די בעטהאָווען־טענער, וואָס זײַנען געקומען מיט א מין רויִקער מעדיטאַציע און טרויער... זיי האָבן גענומען זינקען אין דער שטילקײַט אַרײַן און אויך אין מיר...

מיטאמאָל האָט שליק א זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש, לעבן וועלכן ער איז געשטאַנען, און א זאָג געטאָן צום קאָלאָנעל:

— קאָלאָנעל גאָטפריד, קאָנסט הערן דעם יודע שפּילן, וואָס עס גלוסט זיך דיר צו הערן. עס איז דײַן הויז און דײַן פאַרגעניגן, ביז א געוויסער צײַט. פאַר מײַנע אויערן וועט ער שוין שפּילן און זינגען גאָר אַן אַנדער ליד. איך וועל דערווײַל אַרופגיין אין דײַן קאַבינעט. איך דאַרף עמעצן טעלעפאָנירן. האַנס, — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר, — ברענג מײַן ביר און די וואורשט אַרויף אין קאַ־בינעט.

די פּיאַנאָ־טענער האָבן מיך באַגלייט אַרויף די טרעפּ. זיי זײַנען מיר נאָכגע־שוומען, ווי וועלנדיק אײַנגאַנצן באַהערשן מײַן נעשאָמע. מיטאמאָל האָב איך דער־שפּירט, ווי אין די בעטהאָווען־טענער ווערט אַרײַנגעוועבט אַן אימפּראָוויזאַציע... צו מײַן שטוינונג האָט זי גענומען צונויפגיסן זיך מיט די טענער פון דער העב־רעיִשער ליטורגישער מעלאָדיע „קאָלנידרע״. איך האָב די מעלאָדיע דערקענט, ווײַל כ׳האָב אייניקע מאָל געהערט שפּילן מאַקס ברוכס טשעלאָ־קאָנטשערטאָ „קאָל־נידרע״... איך האָב געטראַכט: פאַרוואָס האָט ער צוזאַמענגעגאָסן אין דער אימ־פּראָוויזאַציע די „אַפּאַסיאָנאַטאַ״ מיט „קאָלנידרע״?

האַנס שולץ האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך פאַרטראַכט, ווי וועלנדיק געפינען דעם ענטפער. האָב איך זיך דערמאָנט, וואָס לעוו טאָלסטאָי האָט געזאָגט וועגן „קאָלנידרע״, און געזאָגט:

— לעוו טאָלסטאָי האָט זיך אויסגעדריקט: „קאָלנידרע״ איז א מעלאָדיע, וואָס דערמאָנט אין דער גרויסער מאַרטירערשאַפט פון א מיט יעסורים דערשלאָגן פאָלק״.

— יאָ... יאָ, — האָט שולץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דאָס טראַכטן וועגן מאַסעלן און וועגן דער אימפּראָוויזאַציע האָט מיך א לאַנגע צײַט פאַרפאָלגט. עס האָט זיך מיר אַלץ געוואָלט געפינען דעם ענטפער: פאַרוואָס „קאָלנידרע״? עפשער האָט מאַסעל מיט זײַן שפּילן און מיט זײַן אָנדײַטן אויף „קאָל־נידרע״, פּונקט ווי היינריך היינע מיט זײַנע „העברעיִשע מעלאָדיעס״, געוואָלט דערמאָנען די דרײַ דײַטשן, צי אויך זיך אליין, אז ער איז א ייִד און איז שטאָלץ דערמיט... ווי דענקט איר, מײַן הער?

— מעגלעך... מעגלעך... גאַנץ מעגלעך, — האָב איך געענטפערט, און אין מײַן מויעך איז דורכגעלאָפן היינעס א פערז פון זײַן „יעהודע האַלייווי״, און איך האָב גענומען שטיל רעציטירן:

Lange schon, jahrtausend lange
Koct's in mir, ein dunkles Wehe. . .

Und die Zeit leckt meine Wunde
Wie der Hund die Schwären Hiobs.[1]

— יאָ... יאָ... יאָ... איך געדענק עס. מיט יאָרן צוריק געלייענט, — האָט האנס שולץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

עס האָט זיך מיר ניט געוואָלט אנטוישן אים אין זײַן היפּאָטעזע, אָבער איך האָב זיך ניט געקאָנט אָפּהאלטן פון דערמאָנען אים: אויך לאָרד בײַראָן האָט אָנגעשריבן א פּאָר צענדליק „העברעישע מעלאָדיעס”, עמעס, לויט א באשטעלונג.

— יאָ? — האָט זיך שולץ פארוואונדערט. עס ווײַזט אויס, אז אויך ער האָט סימפאטיזירט און פּאָעטיש, מענטשלעך זיך אידענטיפיצירט מיט דעם פארפאָלגטן יידישן פאָלק. אָבער אזוי צי אזוי... דאָס איז געווען מײַן ענטפער צו זיך אליין, ווען כ'האָב זיך געפרעגט, פארוואָס „קאָלנידרע”... אין דעם שפּילן זײַנעם, האָט זיך מיר געדאכט, האָב איך געקענט הערן די גײַסטיקע עלעמענטן, וואָס האָבן אים ארופגעהויבן פון דעם ארומיקן און גענומען, און געטראָגן ערגעץ... צו עפּעס אן אזיל, וואָס איז אויסער דער דאָזיקער וועלט אונדזערער... איך האָב זיך געשראָקן: עפּשער וועט קאַפּיטאַן שליק אויך דערקענען די אײַנגעוועבטע טענער פון „קאָלנידרע”, אויב ער ווייסט די מעלאָדיע. איך בין געשטאַנען אין א זײַט באַם ביוראָ־טיש, וואַרטנדיק, אז שליק זאָל פארענדיקן זײַן קאַלט־בייזן געשפּרעך אין טעלעפאָן מיט דעם קאָמענדאַנט, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, פון דאכאַו. ער האָט מיר געהייסן וואַרטן. געזאָגט — ער דאַרף רעדן מיט מיר וועגן עפּעס וויכטיקס. האָב איך געוואַרט. פּלוצעם האָט ער מיט א קלאַפּ אופגעהאַנגען דאָס טרײַבל, ארויסגעכאַפּט נערוועז פון דער קעשענע זײַן בראַונינג, זיך בארעכנט, צוריק ארײַנגעלייגט אים אין קעשענע און קימאַט אויסגעשריגן:

— גענוג! גענוג! גענוג! טויט איז צו גוט פאַר אים, פאַר דעם יודע! אלע בלוט־אָדערן וועל איך פון אים ארויסציִען. אָפּהאַקן די פינגער איינציקווײַז! — און מיטאמאָל זיך א לאָז געטאָן פון דעם קאַבינעט אראָפּ... איך נאָך אים...

די פּיאַנאָ־קלאַנגען האָבן זיך ווי אין פּלוצעמדיקן טריִומף צעטראָגן ווי מיט עפּעס אן אופגעלויכטענער וויזיִע... זיך געטראָגן, ווי מיט עפּעס אן ארויסרוף, מיט אן אופשטײַג צו א ליכטיקן זון־אופגאַנג... און אינמיטן פון דעם אופשטײַג, פון דעם אַפּאָפעאָז, האָט זיך פּלוצעם דערהערט א קנאַל פון א רעוואָלווער. ווען איך בין, נאָכפאָלגנדיק שליקן, אראָפּגעקומען און ארײַבערגעטראָטן די שוועל פון זאַל, האָב איך דערזען, ווי מאַסעל, מיט א צעבלוטיקטן קאָפּ, ליגט אפן דיל, אפן פּערסישן טעפּיך. זײַן פּאָנעם האָב איך ניט געזען.

[1] לאַנג שוין, יאָרטויזנטער לאַנג קאָכט אין מיר א טונקלער ווײ... און די צײַט ליוקט מײַנע וווּנדן, ווי דער הונט דעם פּוילנדיקן איוון.

(וועַרטלעכע איבערזעצונג)

קאָלאָנעל גאָטפריד איז געזעסן, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן, רויִק אין זײַן ווייכן שטול. פון זײַן רעוואָלווער האָט זיך נאָך געצויגן א שנירל רויך, און איך האָב דערפילט דעם גערוך פון פולווער.

— איך האָב אומגערן דערשאָסן. געהאלטן דעם רעוואָלווער אין האנט און אומגערן אויסגעשאָסן, — האָט ער שטיל געזאָגט.

קאפיטאן שליק איז געשטאנען קעגן אים און געקוקט אף אים מיט בייזע פארניכטנדיקע בליקן. ענדלעך א זאָג געטאָן:

— דײַן הארץ איז ווייך, קורט. צו ווייך. איך האָב ניט געדארפט נאָכגעבן דײַן ווונטש. איך האָב זיך דאָס מאָל באנארישט און זיך פארלוירן.

ער האָט מיר געהייסן ארופרופן דעם עס־עס־מאן. און ווען ער איז ארופגעקומען, האָבן מיר ביידע אײַנגעוויקלט מאסעלס קערפער אין דעם פארבלוטיקטן טעפיך און ארויסגעטראָגן אים צום אווטאָמאָביל. איך בין געשטאנען מיט ציטערדיקע הענט און פיס און נאָכגעקוקט, ביז דער אווטאָמאָביל איז פארשוווּנדן. מער האָב איך מאסעלס נאָמען ניט געהערט. קאָלאָנעל גאָטפריד האָט מיט מיר קיינמאָל ניט גערעדט וועגן מאסעלן אָדער וועגן יענעם אָוונט. ער האָט זיך נאָך מער צוריקגעצויגן צו שטילקײַט און מעדיטאציע. געלייענט א סאך. די פיאנאָ געהייסן מיר איבערדעקן מיט א שווארצן פליוש. שפּעט אין די אָוונטן פלעגט ער ארויסגיין שפאצירן. ער האָט געלעבט נאָך צוויי יאָר און איז געשטאָרבן פון א בלוט־פארגיפטונג, איבערלאָזנדיק מיר א באדײַטנדיקן פאָנד, וואָס וועט זיכער סטײַען פאר מיר ביז מײַן טויט. וועגן דעם קאפיטאן שליק האָב איך געהערט, אז ער איז געפאלן אפן סטאלינגראדער פראָנט. כ'האָב אָפט געטראכט וועגן יענעם אָוונט. וועגן דעם קאָלאָנעל. וועגן דער באהעפטונג פון דער „אפאסיאָנאטא" מיט „קאָלנידרע". וועגן די וועגן פון מענטשן אין לעבן... געטראכט... און א סאך מאָל ווידער איבערגעלעבט יענע נאכט. און אָפט, דאָ, גיי איך צו צו דער פיאנאָ און שפיל די „קאָלנידרע"... און איך שעם זיך ניט צו זאָגן — עס פאלט אמאָל א טרער...

ער איז אנשוויגן געוואָרן. איך האָב אויך געשוויגן. דערנאָך האָב איך זיך אופגעהויבן. געדריקט זײַן האנט.

— אף ווידערזען, — האָט ער געזאָגט.

אין דעם מאָמענט האָט א פאנטאסטישער, צי מעלאָדראמאטישער געדאנק א בליץ געטאָן אין מיר: עס וואָלט געווען א געלעכטער פאר דעם טײַוול, ווען עס וואָלט זיך ארויסגעוויזן, אז האנס שולץ האָט יִדיש בלוט אין זיך.

אפן וועג צום האָטעל האָב איך מיט א באזונדער שטימונגס־געפיל געטראכט וועגן מאסעלן, געוואָלט פאָרשטעלן זיך זײַן פּאָנעם, זײַן געשטאלט, זײַן זיצן בא דער פיאנאָ, זײַן צושטאנד, ווען ער האָט גענומען שפילן די „אפאסיאָנאטא" אין דער באהעפטונג מיט „קאָלנידרע"... געשפילט... מיטגעזונגען אין קאָפּ, אין דער נעשאָמע. ביז דער רעגע, וואָס איז געוואָרן זײַן לעצטע רעגע...

■

מענטש צו מענטש

זײַן נאָמען — מיכל יאקנעס. פאר קריסטן אָבער האָט דער נאָמען געקלונגען א ביסל שפּאניש — יאקנעז. זײַן פאַרשטאָרבענער פאָטער, א געקומענער קיין ניו־יאָרק פון א קליין שטעטל אין בעסאראביע (מיט דער מאמען און מיט דרײַ קינדער, פון וועלכע ער, מיכל, איז געווען, אין זײַנע צען יאָר, דער עלטסטער). דער פאָטער איז דאָ אין ניו־יאָרק געוואָרן דורך די יאָרן א גאנץ רײַכער שפּײַז־ליפעראנט. ווען ער איז געשטאָרבן, האָט ער געלאָזט אים, מיכלען, א פארמעגן. און ער, מיכל, פארנעמענדיק זיך דערנאָך אלע יאָרן מיט אלערליי געשעפטן (ניט געוואָלט זײַן א שפּײַז־ליפעראנט), איז סאָפקאָלסאָף געוואָרן אן ארויסגעבער און רעדאקטאָר פון דער וואָכנבלאט „ייִדישער פאָרום", וואָס ער האָט איבערגענומען פון א ייִדישן שרײַבער.

קיין געלט האָט ער, יאקנעס, אף דער וואָכנבלאט ניט געמאכט. פארקערט — ער פלעגט יעדעס יאָר דערלייגן טויזנטער און דעם פארלוסט אראָפּרעכענען פון די שטײַערן. ער האָט דורך די יאָרן באוויזן צו אינוועסטירן זײַן קאפּיטאל אין גוטע אקציעס, אָבער אין דער זעלבער צײַט, ווען ער האָט דערזען, אז דורך א צען יאָר, וואָס ער האָט ארויסגעגעבן די וואָכנבלאט, פארלירט ער ניט נאָר טויזנטער דאָלארן, נאָר אויך די לייענער, האָט ער דעם „ייִדישן פאָרום" אופגעגעבן. גוט, מ'האָט שוין געוווּסט, אז ער איז געווען א רעדאקטאָר; אז ער איז געווען דער דאָזיקער, וואָס האָט געשריבן די רעצענזיעס וועגן די אופירונגען אין ייִדישן טעאטער, וועגן ביכער... און אז ער איז ניט „אבי־ווער"... קימאט אלע שרײַבער, פון די פארבליבענע נאָך, האָבן געהערט וועגן אים, קענען אים אויך פערזענלעך. פון די עלטערע, פון די אוועקגעגאנגענע שוין, פלעגן אייניקע זאָגן אף אים, אז ער קוקט אויס ווי דער פארשטאָרבענער שרײַבער דאָקטער א. מוקדוני. הויך, אימפּאָזאנט מיט זײַן שיינעם גראָוון קאָפּ. ער, יאקנעס, טראָגט אָבער אויך א קורץ גראָוו בערדל. טוט זיך אָן שיין, אריסטאָקראטיש, צי זאָל מען זאָגן — רײַך — קינסטלעריש. טראָגט מיט זיך א שיינעם, פון שווארצן האָלץ (עבאָניט) שטעקן, מיט א גאָלדענעם קאָפּ. אין א געוויסן זין איז ער דאָך געווען א מיטגליד פון די ייִדיש־קינסטלערישע קרײַזן. געשריבן אפילע פּיעסן, פון וועלכע איינע איז אפילע רעפעטירט געוואָרן, אָבער קיינמאָל ניט אופגעפירט געוואָרן. און ער, מיכל יאקנעס, האָט נאָך אויך איצט א ברייטע, אָפענע האנט און ווי די רוסן זאָגן: עס איז בא אים „דושא נא ראספּאשקו". געשטיצט און שטיצט נאָך איצט די קולטורעלע, נאציאָנאלע און אפילע רעליגיעזע אָרגאַניזאציעס. פלעגט מען, מיט יאָרן צוריק, ארײַנגיין מיט א כאָפּטע פרײַנט אין א רעסטאָראן, צי אין דער אמאָליקער „קאפע ראָיאל", איז ער געווען דער דאָזיקער,

וואָס פלעגט באַצאָלן פאַר דער גאַנצער גרופּע. (די לעצטע יאָרן זײַנען, לײדער, ניטאָ, מער יענער מין מענטשן און אַפילו ניט קײן נײַע מענטשן, מיט װעלכע ער װאָלט געקענט פאַרברענגען אין די רעסטאָראַנען).

האָ, יע... ער איז געװען פאַרהײראַט צו אַ שײנער, אינטערעסאַנטער, יונגער און קלוגער פרױ — רוטע. אַ צײן־דאָקטערן, װאָס איז געװען אַ פאַרװאַלטערן פון אַ צײן־קליניק. זי איז געװען אַ גוט װײַב צו אים. אַ גוטע כאַװערטע. פאַרשטאַנען אים — זײַנע ליטעראַרישע אַמביציעס, זײַן כאַראַקטער, זײַנע שטימונגען, זײַן לעבנס־פילאָסאָפיע און אַפילו זײַנע שװאַכקײַטן און אומפאַרמײַדלעכע שטרויכלונגען אין באַצוג צום שײנעם מין. ער איז געװען שטאַרק צוגעבונדן צו איר. ליב געהאַט. געגעבן איר אַלעס, װאָס זי האָט געגלוסט, צו מאַכן איר לעבן אינטערעסאַנט און אָנגענעם.

האָט געטראָפן אַן אומגליק. זי מיט איר אַ פרײַנדן, װעלכע פלעגט זי אַהײמפירן יעדן אָװנט פון דער קליניק, האָט אײנמאָל, צום לעצטן מאָל, אין אַ װינטערדיקן שנײ־שטורעם געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ שװערער לאַסטמאַשין, און זײ זײַנען בײדע, פאַרװוּנדעטע, געשטאָרבן אַף דעם װעג צום שפּיטאָל. עס איז געװען אַ שרעקלעכער קלאַפּ פאַר אים. ער האָט מער קײנמאָל ניט געהײראַט. געװוּסט, אַז ער װעט מער קײנמאָל ניט קענען געפינען אין עמעצן די נאָענטקײַט, די אינטימקײַט און ליבשאַפט, װאָס ער האָט געפילט צו איר, צו רוטען.

אין יענע פאַרגאַנגענע שױן יאָרן פלעגט ער זיך אַרײַנכאַפּן אין דער „ראָיאַל־קאַפע" אַף דער צװײטער עװעניו, עס פלעגט אים אימפּאָנירן, װען אײניקע פון די שרײַבעד, צי אַקטיאָרן, פלעגן נאָכפרעגן זיך, װער דער „אַרגוס" איז אין דעם „ייִדישן פאָרום", װאָס שרײַבט די קריטיק (זײ האָבן עס גאַנץ גוט געװוּסט, אַז ער איז עס דער „אַרגוס"). אַן אָנגענעמער (אַזױ פלעגט מען זאָגן אַף אים — די פרױען איבערהױפּט) און אַ שמײכלדיקער.

װען ער פלעגט דאָרט אין דער „ראָיאַל־קאַפע" זיצן בײַ אײן טישל מיט דעם באַרימטן דיכטער אװראָם רײזין, צי מיט דעם שאַרפן דיכטער יאַנקעװ גלאַטשטײן, צי מיט דעם שטענדיק לעבעדיקן אַקטיאָר לעבעדעװ, פלעגט ער זיך מאַמעש מעכײַע זײַן. ער האָט געקענט אָפּזיצן שטונדנלאַנג בײַ דעם געשמאַקן מאָלצײַט, האַנאָע האָבן פון די װיצן, פון די רעכילעסלעך און אַפילו פון די אָפּשטױסנדע מאַנירן פון אײניקע פון דער שרײַבערישער כאַליאַסטרע. ער פלעגט זיך באַטײליקן אין די שמועסערײַען, און שטענדיק מיט זײַן אָנשטענדיקער מאַניר און טאָלעראַנץ, און זײַנע ליבעראַלע אָנשױונגען האָבן געקלונגען אַפילו צו ראַדיקאַל פאַר אײניקע פון די פאַרביסענע קאָנסערװאַטאָרן.

ער איז ניט געװען פון יענע, װאָס זײַנען גאַנצע „מאַכערס" אין די קולטור־אינסטיטוציעס. ער פלעגט אַרײַנשיקן זײַן טשעק, זײַן בײַטראָג און ניט געזוכט די „אָנערקענונג", װאָס קומט צוליב דעם טשעק. ס'איז אים געװען אַ לאַנגע צײַט טרױעריק און אומעטיק אָן רוטען, אָבער ער פלעגט אָפּט טראַכטן און אַפילו

ריידן צו זיך אליין: דאָס לעבן איז שטאַרקער. עס שטעלט אוועק א וואַנט, א סאך ווענט אין מויעך, אָפּצוטיילן דאָס אוועקגעגאַנגענע, דאָס אומקאָנטראָליר־באַרע, דאָס אומפאַרמײַדלעכע — אָפּטיילן פון דעם ברויזנדיקן לעבן ארום, וואָס פאָדערט די אײַנגעפּירטע, אָנגענומענע, צוגעוווינטע פונקציעס אין מענטשלעכן לעבן, פאר יעדן לויט זײַן כאַראַקטער און אינדיווידואַליטעט.

מיט א פופצן יאָר צוריק, ווען ער האָט נאָך ארויסגעגעבן דעם „יידישן פאָרום", האָט אים די וואָכנבלאַט געהאַלטן א פאַרנומענעם, אין הויז (נאָך רוטעס טויט) פלעגט צוויי מאָל אין דער וואָך אַרײַנקומען מיסיס מודי (וואָס איז ביז איצט מיט אים). א מיטליאָריקע נעגערטע, וואָס קומט אופראַמען, וואַשן, צוגרייטן פאַר אים געוויסע געקעכצן, צו וועלכע ער איז צוגעוווינט. גיט אוועק דאָס געוועש — זײַנע העמדער, לײַלעכער, ציכן, טישטעכער, האַנטעכער צו דער וועשערײַ — וואָך נאָך וואָך; און דאָס איבעריקע — טעג, וואָכן, יאָרן שוין — אין די אויסדערוויילטע רע־סטאָראַנען, אין זעלטענע באַגעגענישן מיט געציילטע מענטשן, וואָס זײַנען, אייגנט־לעך, איצט גאַנץ פרעמדע צו זײַן פערזענלעכן לעבן און אָנשוויונגען.

קיין קרוויוים, וועגן וועלכע ער זאָל וויסן, האָט ער ניט. דעם פאָטערס און מוטערס ברידער און שוועסטער זײַנען פאַרשווונדן ערגעץ.. פאַרברענט געוואָרן פון די נאַציס; זײַנע צוויי שוועסטער זײַנען שוין אויך, דאָ אין ניו־יאָרק,ביידע ניט פאַרהייראַטע, געשטאָרבן מיט א צען יאָר צוריק; בלויז איינע, א ווײַטע קוזינע — ער האָט שוין אפילו פאַרגעסן איר נאָמען — האָט מיט יאָרן צוריק געלעבט ערגעץ אין ברוקלין און ער ווייסט ניט, צי זי לעבט נאָך ערגעץ. דאָס זעלבע מיט רוטעס מישפּאָכע. זי, רוטע, איז געווען א געבוירענע אין ניו־יאָרק — אַן אַדאָפּטירטע טאָכטער פון אַן עלטער פּאָרל — ער א קריסט, זי א יידישע — ביידע, נאָך באַ רוטעס לעבן, אוועק ערגעץ קיין טשעכאָסלאָוואַקיע, און ער האָט מער קיינמאָל ניט געהערט פון זיי.

ווען ער האָט ארויסגעגעבן די וואָכנבלאַט, איז ער, יאַקנעס, אַלט געווען זיי־בעציק יאָר. דאָס איז געווען מיט פופצן יאָר צוריק. ער האָט אין יענעם טאָג א זאָג געטאָן: געווג פאר מיר. און ס'איז געקומען דער טאָג — אָט הײַנט: ער איז אופגעשטאַנען אינדערפרי. געשלאָפן ווייניק דורך דער נאַכט. אָפּגעוואַשן זיך, א גלעט געטאָן דאָס קורצע גראָווע בערדל און א זאָג געטאָן: הײַנט, מײַן ליבינקער, ביסטו געוואָרן א פינף־און־אַכציקער. עס האָט אים געפרייט, אפילו ווען ער האָט ניט געהאַט קיינעם ארום זיך, מיט וועמען ער זאָל קענען טיילן די פרייד. ער איז, האָט ער א טראַכט געטאָן, א גאַנץ איינזאַמער מענטש, אפילו ווען ער פילט ניט די איינזאַמקייט. גדענקענישן וועגן די אוועקגעגאַנגענע יאָרן און מענטשן האָבן גראָד יאָ פאַרנומען זײַנע טעג און אַמאָל אויך נעכט... און כאַלוימעס אפילו. ער איז אָבער פאַרט, ווי עס זאָגט זיך, איינזאַם. אַז דער טעלעפאָן צעקלינגט זיך אַמאָל, טוט ער גלײַך א טראַכט: ווער קאָן דאָס זײַן...

ער האָט א שמייכלדיקער א קוק געטאָן אף זיך אין שפּיגל. אַרײַנגעגאַנגען אין

קיך און גענומען צוגרייטן פרישטיק (הײַנט גראָד איז ניט מ׳סיס מודיס טאָג). דער מאראנצן־זאפט האָט געקילט מיט זיסער זויערקייט; דער גערוך פון געברוינטן ברויט און פון די געפרעגלטע אייער האָט ווי געשווומען פון, נאָז אין מויל אַרײַן; די קאשע אין שיסעלע האָט אויסגעקוקט ווי גרויע פערל. און די בולבעדיקע קאווע אין דעם פערקאָלאטאָר, האָט זיך אויסגעוויזן, רעדט צו אים: הײַנט דארף מען פײַערן דײַן געבורטסטאָג, מיכל יאקנעס, א ביסל אנדערש. ארום פינף וועלן מיר נעמען א טאקסי און מיר וועלן פאָרן צום „עפיקור״, צו דעם ערשטקלאסיקן רע־סטאָראן, וווּ מיר זײַנען שוין, א לאנגע צײַט ניט געווען. אָבער ביז ער וועט פאָרן אהינצו — ס׳איז נאָך גוטע אכט שאָ ביז פינף, וועט ער נאָך הערן די טאָג־נײַסן אף דעם טעלעוויזאָר. דערנאָך, ארום עלף, דורכקוקן, וואָס דער פּאָסטמאן וועט ברענגען — בריוו, זשורנאלן... מערסטנס בריוו פון בענק וועגן אינוועסטירונגען, סערטיפיקאטן — פּאָטענציעלע, ווי אויך אינוועסטירטע שוין. (א גאנץ שיינער קאַ־פיטאל — ער ווייסט עס זייער גוט. נאָך איינער — דער אדוואָקאט זײַנער, מיסטער קוירטמאן, ווייסט געווי, וויפל ער, מיכל יאקנעס, פארמאָגט און ער האָט שוין אפילע איינמאָל א שמייכלענדיקער א זאָג געטאָן: מיסטער יאקנעס... איר וועט נאָך ארײַנלעבן גאנצע צוואנציק, דרײַסיק יאָר... אָבער אפילע יינגערע פון אײַך מאכן צוואָעס... האָט איר ערגעץ א צוואָעז?).

דעם עמעס זאָגנדיק — ער ווייסט ניט, וועמען צו לאָזן דעם קאפיטאל זײַנעם. די אלע נאציאָנאלע, קולטורעלע, וווילטעטיקע, מעדיצינישע אָרגאניזאציעס און אינסטיטוציעס, וואָס שטייען גרייטע אײַנצוזאמלען יערושעס, פונוואנען עס לאָזט זיך נאָר... — עס ציט אים ניט אוועקצוגעבן עס... אָט אזוי... ארײַנוואַרפן עס אין א קעסל, צי קעסלען, וואָס ער ווייסט ניט, ווער עס וועט כליאָפּטשען דערפון, ווער עס וועט האנאָע האָבן דערפון, דערפילן די דאנקבארקײַט, אן אינטימע דאנקבאר־קײַט פאר דעם געשאנק...אָט, ווען ער וואָלט געהאט כאָטש אן אייניקל (כאָטש ווער ווייסט, וואָס פאר א מין מענטש דאָס וואָלט געווען), וואָלט ער ניט באדארפט צופיל טראכטן וועגן דעם. ער ווייסט אָבער, אז גאָר אינגיכן וועט א שלאָג טאָן די שאָ... און ער דארף באשליסן וועגן דעם אין פאָרויס.

דער טאָג איז אוועק קימאט. ער האָט אָנגעטאָן זײַן גרויען אָנצוג, וואָס האָט אים זייער געפאסט. גענומען זײַן הוט. זײַן עבאָניט־שטעקן מיט דעם גאָלדענעם קאָפּ. אראָפּגעקומען מיט דעם ליפט צום וועסטיביול. און דער טיר־באדינער האָט אָפּגעשטעלט פאר אים א טאקסי. ווען ער איז אָנגעקומען אין דעם „עפיקור״־רעסטאָראן, האָט אים א יונגע, שיינע פרוי צוגעפירט צו א טישל בא א גרויסן פענצטער, פונוואנען ער האָט פון דער הייך געקענט זען די קישעפדיקע פּארנאָכ־טיקע פּאנאָראמע — די טויזנטער באלויכטענע פענצטער אין דער קייט פון הימל־קראצערס פון דער ריזיקער מעטראָפּאָליע. פון א ווינקל אין רעסטאָראן האָבן זיך געטראָגן שטילע פיאנאָ־טענער... א יונגע, מיטלוווקסיקע, דינע, מיט א גוט־פאָרמירטן ביוסט, גאנץ שיינע קעלנערן איז צוגעקומען. געקוקט אף אים א שמייכ־

לענדיקע מיט אירע גרויסע, גרויע אויגן און געפֿרעגט, צי ער וויל א „קאָקטייל״. האָט ער באַשטעלט א טרונק און, דערנאָך שוין, דורכקוקנדיק די שפּײַזקאַרטע, באַשטעלט דעם מאָלצײַט, אָבער ניט צופֿיל. ער האָט שוין יאָרנלאַנג ניט געררייכערט, ער האָט אָבער לויט דער געוווינהייט אַרויסגענומען פֿון דער בוזעם־קעשענע די פּלאַכע, זילבערנע סיגאַרעט־פּושקע. און האַלטנדיק דעם ניט־אָנגעצונדענעם סיגאַרעט צווישן די פֿינגער, האָט ער זיך צוגעהערט צו דער פּיאַנאָ־מעלאָדיע.

עס האָט אים גענומען א שאָ קימאַט פֿאַרטיק צו ווערן מיט דעם מאָלצײַט. עס האָט זיך אים נאָך ניט געגלוסט אופֿצוהייבן זיך און אָט גלײַך אַהיימגיין — און שוין. אויס. ערגעץ אין זיך האָט ער געפֿילט עפּעס ניט אינגאַנצן א באַפֿרידיקטער. ער האָט ניט געקענט זאָגן צו זיך: פֿאַרטיק געוואָרן — גיי. עס האָט זיך נאָך געוואָלט זיצן. עפּשער צוליב די שאָפּען־טענער, וואָס זײַנען געקומען פֿון דער פּיאַנאָ. און עפּשער, ניין, ניט עפּשער, נאָר טאַקע אירע, דער קעלנערס,, גרויסע גרויע אויגן און שמייכל... און איר שטימע... מיט עפּעס אן אַקצענט..: אָט ווי גרעטא גאַרבאָס אומפֿאַרגעסלעכע שטימע, וואָס ער און רוטע פֿלעגן אַזוי ליב האָבן צו הערן אין די סינעמאַס. זי, די קעלנערן, האָט פֿונדערווײַטנס, ווײַזט אויס, באַמערקט זײַנע בליקן. איז זי צוגעקומען. געפֿרעגט, צי ער וויל נאָך עפּעס.

— ניין. א דאַנק, — האָט ער געזאָגט. — אָבער דעם עמעס זאָגנדיק... אויב איך וואָלט איצט עפּעס געוואָלט, וואָלט עס געווען... א שמועס מיט א פּערזאָן... אַזא פּערזאָן, ווי איר. — איז אים פּלוצעם אײַנגעפֿאַלן צו זאָגן.

— יאָ? אינטערעסאַנט.

— מיר דאַכט זיך אויך, אַז ס׳וואָלט געווען אינטערעסאַנט, אַפֿילע ווען איך בין שוין אין די אַכציקער. הײַנט איז מײַן געבורטסטאָג. און איר קענט מיך ניט כוישעד זײַן, אַז איך בין א מין דאָן־זשואַן.

— עס ווערט אינטערעסאַנטער פֿון מינוט צו מינוט. — האָט זי שטיל געזאָגט. — דעם עמעס זאָגנדיק... האָב איך גלײַך באַמערקט, אַז איר זענט אן אינטערעסאַנטער, ניט געוויינלעכער מענטש. מיר געפֿעלן אַזעלכע מענטשן. מעג זײַן אַפֿילע אין אײַער עלטער, צי זאָל איך זאָגן: איבערהויפּט אין אײַער עלטער. און ווען איך וואָלט ניט געאַרבעט איצט, וואָלט איך זיך דאָ אַנידערגעזעצט און מיר וואָלטן געשמועסט. עס וואָלט געווען פֿון מײַן זײַט א מאַטאָנע, אַזוי צו זאָגן, צו אײַער געבורטסטאָג. לײדער, קען איך דאָס ניט טאָן איצט... דאָ.

— איך ווייס. ווי שפּעט אַרבעט איר?

— מיר עפֿענען פֿינף און מיר פֿאַרמאַכן צוועלף.

— איז וואָס טוט איר ביז פֿינף?

— איך בין א סטודענטן.

— האָ... איצט וועל איך זאָגן: אינטערעסאַנט. ווען איך וואָלט געווען א יונ־

גערמאַן, וואָלט איך דאָ געוואַרט ביז צוועלף און איך וואָלט אײַך אהיים געפירט אין מײַן קאַדילאַק.

— איר האָט א קאַדילאַק?

— געהאַט. ווען איך בין געווען יינגער. איצט פאָר איך אין טאַקסי.

— איך וווין דאָ ניט ווײַט. איך שפּאַציר אהיים. עס איז מיר געווען אָנגענעם צו ריידן מיט אײַך.

— מיר אויך.

ער איז געזעסן נאָך א ווײַלע. גענומען דעם הוט און דעם שטעקן און פאַר־לאָזט דעם רעסטאָראַן.

זיצנדיק שוין אין זײַן ווייכן שטול אין זײַן געראַמען אַפּאַרטאַמענט און לייע־נענדיק די „טײַמס", האָט ער ניט אופגעהערט צו טראַכטן וועגן איר. אָט טאַקע וועגן זיצן מיט איר ערגעץ אין, א רעסטאָראַן, עסן, טרינקען און שמועסן מיט איר. א שאָד — פאַרגעסן צו פרעגן איר נאָמען. אז מע ווייסט א נאָמען, און דער נאָמען פּאַסט זיך צו דער פּערזאָן, ווערט עס, ווי עס דאַכט זיך, ווי א מאַגנע־טישע פאַרבינדונג צווישן די צוויי מענטשן. נו, ער האָט שוין אין זײַן לעבן געזען א סאַך שיינע און צוזיצנדע קעלנערנס, אָבער דאָס מאָל האָט ער ניט געשפּירט, אז ער רעדט מיט א קעלנערן...

. . . .

דער פּולער האַרבסט האָט זיך שוין גענומען אָנרוקן. עס זײַנען אָנגעקומען אויך רעגנדיקע, קילערע טעג. דאָך — ער פּלעגט אַרויסגיין שפּאַצירן יעדן טאָג אינדערפרי. ער האָט גראָד ליב געהאַט דעם האַרבסט מיט זײַנע שטימונגספולע ניואַנסן און קאָלירן. שפּאַצירט אין דער געגנט, וווּ ער האָט געוווינט, פאַרשטייט זיך. יעדן טאָג אַן אכט, צען קוואַרטאַלן. צוקומען ביז דעם „מעטראָפּאָליטען־מוּ־זייום" — און צוריק. אַמאָל ביז דעם ייִדישן מוזייום. קיינמאָל ניט פאַרפעלט צו באַזוכן די אינטערעסאַנטע קונסט־אויסשטעלונגען. ער פּלעגט שטענדיק געפינען, מיט וואָס אויסצופילן די טעג און אָוונטן, ניט באַקלאָגנדיק זיך אף גאָרניט און אף קיינעם.

עס איז שוין געווען א פינף וואָכן נאָך זײַן געבורטסטאָג, ווען ער האָט אין איינעם א טאָג באַשלאָסן ווידער צופאָרן צום „עפּיקור" עסן וועטשערע. האָט ער עס געטאָן. צוקומענדיק נאָענט צום הימלקראַצער, האָט זיך די טאַקסי געמוזט אָפּשטעלן — עס זײַנען דאָרט געשטאַנען עטלעכע פײַער־טראָקס און עטלעכע פּאָלי־צײַ־מאַשינעס. ער איז אַרויס פון דער טאַקסי און געלאָזט זיך גיין מיטן ברייטן ראָג צום אַרײַנגאַנג פון דער געבײַדע, וווּ עס האָט זיך געפונען דער „עפּיקור". צוקומענדיק נאָענט, האָט ער זיך גלײַך דערוווּסט, אז דער „עפּיקור" ברענט און, ווי עס ווײַזט אויס, אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן פון דעם פײַער. עס האָט ניט געהאַט קיין זין צו שטיין דאָרט לאַנג, האָט ער באַשלאָסן צו נעמען א שפּאַציר

א פּאָר קוואַרטאַלן ווײַטער, צו אַן אַנדערן אים באַקאַנטן רעסטאָראַן. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט, עמעצער האָט צו אים אַ זאָג געטאָן:

— האַלאָ...

עס איז געווען די קעלנערין.

— האַלאָ... — האָט ער זיך צעשמייכלט, ווי מיט עפּעס אַ פֿרייד.

— אונדזער „עפּיקור" האָט אָפּגעברענט. — האָט זי אַ זאָג געטאָן. — אינגאַנצן אָפּגעברענט. איר געדענקט מיך? — האָט זי אַ פֿרעג געטאָן, כאַפּנדיק זיך, אַז עפּשער געדענקט ער ניט אַפֿילו, ווער זי איז.

— איר געדענק אײַך, ווער וואָלט געקענט פֿאַרגעסן אײַך?

— איר זײַנט דאָ צופֿעליק, צי איר זײַנט געקומען צום „עפּיקור"?

— צום „עפּיקור". געגרייט זיך צו פֿאַרנעמען דאָס טישל באַם פֿענצטער און ווידער טרעפֿן זיך מיט אײַך.

— אַ שאָד... אָפּגעברענט. ווער ווייסט, ווי לאַנג עס וועט נעמען ווידער אויפֿצושטעלן אים.

— מײַן פּראָבלעם איז איצט — איך דאַרף און איך וויל עסן. און אַפֿילו ווען ס'איז ניט מײַן געבורטסטאָג הײַנט, וואָלט איך דאָך פֿאָרגעשלאָגן, אַז איר... אַז מיר זאָלן ביידע צושפּאַצירן צום „אַמבאַסאַדאָר" און מיר זאָלן דאָרט ביידע עסן און שמועסן, און ס'וועט זײַן אַ ביסל אַ פֿאַרשפּעטיקטע, אָבער אַ שיינע מאַטאָנע פֿאַר מיר. וואָס זאָגט איר?

— עס וועט זײַן אויך מײַן פֿאַרגעניגן.

— איז גייען מיר.

עס האָט אים געפֿרייט און ער האָט זיך דערפֿילט אין אַ גוטער שטימונג, זיצנדיק מיט איר בײַ אַ טישל אין דעם האַלב־טונקעלן רעסטאָראַן. די שפּײַז איז געווען אויסגעצייכנט, געשמאַק. און עסנדיק לאַנגזאַם, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איר ווייסט — איך ווייס נאָך ניט אײַער נאָמען. מײַן נאָמען איז מיכל יאַקנעס.

— מײַן ערשטער נאָמען איז עלגאַ, — האָט זי געזאָגט.

— עס דערמאָנט מיר אין רוסישן נאָמען אָלגאַ. איר זענט אַ נאָרוועגערין?

— אַ שוועדין. פֿון שטאָקהאָלם.

— אַ יונגע, מיט אַ שיינעם נאָמען... אין די צוואַנציקער?

— זעקס און צוואַנציק.

— ניט פֿאַרהייראַט, ווי עס ווײַזט אויס.

— געווען פֿאַרהייראַט... אין אַ געוויסן זין — „קאַמען לאָו", ווי מע רופֿט עס דאָ. ניט געזעצלעך. אַ גאַנץ אומאָנגענעמענע געשיכטע פֿאַר מיר. ווען ניט מײַן, אַזוי געזאָגטער הייראַט, וואָלט איך ניט געווען דאָ אין ניו־יאָרק. ער איז אַן אַמעריקאַנער, וואָס איז אין דער צײַט פֿון דער וויעטנאַמער מילכאָמע אַנטלאָפֿן קיין שטאָקהאָלם — ניט געוואָלט גיין געהאַרגעט ווערן אין דער זינלאָזער מילכאָמע.

איך האָב געהאַלטן מיט זיי, מיט די אַנטלאָפּענע. מיר האָבן זיך געטראָפֿן. מיר האָבן ניט געקענט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס אַמעריקע שיקט הונדערטער טויזנטער יונגע מענטשן צום טויט... זיבן טויזנט מײַל ווײַט פֿון זייערע היימען... צוליב אַ היפּאָקריטישן ליגן, אַז דאָרט, אין וויעטנאַם, שאַפֿט זיך אַ געפֿאַר פֿאַר אַמעריקע.

— איז אײַער... מאַן געווען קאָמוניסטיש געשטימט?

— ניין. ער איז אַן אינדיווידואַליסט. אַ פֿאַרכאָלעמטער, אַ נערוועזער. איך האָב פּרובירט דערמוטיקן אים און אײַנריידן, אַז ער זאָל פֿאַרבלײַבן אויף שטענדיק אין שוועדן. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט צופּאַסן צו עפּעס אַן אַרבעט, צו עפּעס אַ פּראָפֿעסיע, וואָס וואָלט אים באַפֿרידיקט. ער איז מערסטנס אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעטסלאָזער. ער האָט אָנגעהויבן טרינקען. גענומען אַפֿילו נאַרקאָטיקן, דאָס האָט אים דערפֿירט קימאַט צו משוגעת. ער האָט באַשלאָסן צוריקצוקומען אַהער־צו, וואָס די רעזולטאַטן זאָלן ניט זײַן. בין איך געקומען אַהערצו מיט אים. מ׳האָט אים דאָ אין ניו־יאָרק אַרעסטירט. דערנאָך באַפֿרײַט. ער איז געוואָרן אומדער־טרעגלעך... קראַנק... און מיר האָבן זיך צעשיידט.

— אײַערע עלטערן האָבן גאָרניט געהאַט קעגן אײַער צוזאַמענלעבן מיט אים?

— איך פֿערזענלעך, האָבן זיי געוווּסט, גלייב ניט, אַז צוויי יונגע מענטשן דאַרפֿן האָבן אַ דערלויבעניש פֿון אַ קלערק, צי פֿון אַ גאַלעך צו לעבן, ליב צו האָבן, צו שאַפֿן צוזאַמען. מײַנע עלטערן — אַלטמאָדישע מענטשן, מײַן פֿאָטער — אַן אַפּטייקער, ער איז געשטאָרבן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. מײַן מוטער וווינט איצט מיט מײַן עלטערער שוועסטער, וואָס איז פֿאַרהייראַט צו אַ לערער, אָבער... איך ווייס ניט, צוליב וואָס איך דערצייל דאָס אײַך — עס איז ניט מײַן טעווע.

— עס איז דאָך אַ נײַע באַקאַנטשאַפֿט פֿאַר אונדז ביידע, איז... אַז מע דער־ציילט, דערוויסט מען זיך עפּעס... נײַס. דערגעענטערט עס. איך זאָג דאָס ניט ווײַל אַזאַ יונגע פֿרוי, ווי איר, דאַרפֿט די פּריוואַטשאַפֿט, צי נאָענטקייט פֿון אַזעלכע, ווי איך. אָבער ווער קען אָפּמעסטן די וויכטיקייט, די נויטווענדיקייט פֿון אַזאַ מין באַקאַנטשאַפֿט, ווי צווישן אונדז ביידע, אַשטייגער. האָט איר מיר דער־ציילט וועגן זיך, וועגן אײַער... יונגגמאַן. דענק איך, אַז איך, פֿון מײַן זײַט, דאַרף אײַך דערציילן וועגן זיך. — געפֿרעגט זי צי זי רייכערט. ניין? גוט, אַרויסגענו־מען פֿון זײַן פּאָרטסיגאַר אַ סיגאַרעטל, אָבער ניט אָנגעצונדן. געשוויגן אַ ווײַ־לע. — מײַן פֿאָטער איז געווען אַ דערפֿאָלגרײַכער ביזנעסמען — אַ שפּײַז־ליפֿעראַנט פֿאַר רעסטאָראַנען. ער איז געשטאָרבן און געלאָזט מיר אַ פֿאַרמעגן. איך האָב ניט ליב געהאַט די דאָזיקע מין ביזנעס. איך האָב אינוועסטירט דעם גאַנצן קאַפּיטאַל קימאַט אין „וואָלסטריט״־אַקציעס. בין אַ צענדליק יאָרן געווען אַן אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פֿון אַ יידישער וואָכנבלאַט. מײַן פֿרוי, אַ ציין־דאָקטערן, איז געשטאָרבן אַ יונגע אין אַן אויטאָמאָביל־אַקצידענט. קיין קינדער האָבן מיר ניט געהאַט. איך האָב מער ניט געהייראַט. ווווין אַליין. און עס געפֿעלט מיר מײַן לעבן. איך לעב מיט די עלעמענטאַרע פֿאַרגעניגנס פֿון אַן אַלטן, רײַכן אינטעלי־

געגט, און, דעם עמעס זאָגנדיק, עס טרעפט מיט מיר זייער־זייער זעלטן אזא פארגעניגן, ווי די טרעפעניש מיט אײַך. די לעצטע יאָרן טרעף איך זיך זייער זעלטן מיט מענטשן, ניט ווײַל עס פעלן מענטשן אין ניו־יאָרק. פאראן איבער־געגוג. מיר פעלן זיי אָבער ניט. און איך האָב האנאָע פון שמועסן מיט זיך אליין, — האָט ער זיך צעשמייכלט.

— איך בין גראדע אויך ניט קיין עקסטראווערט. — האָט זי אויך א שמייכל געטאָן. — איך קום פון א צאָפנדיק לאנד און מײַן כאראקטער, דאכט זיך מיר, איז אויך א צאָפנדיקער, א ניט סאנגווינישער. איך בין אויך א צוריקגעצויגענע. אָבער ניט פון די ווייַנענדיקע. איך פארשטיי, לויט מײַנע קאָנצעפּציעס, די וועגן פון לעבן און איך האלט זיך בא מײַנע אײַנשטעלונגען און אידייען. כ'האָב א סאך געלייענט און איך בין פון דעם אוואנגארדישן דאָר, אפילע ווען איך בין אן אינ־טראָווערט. די אזויגערופענע געזעלשאפטלעכע מיינונג מיינט גאָרניט פאר מיר, איבערהויפּט דאָ, אין דער ריזיקער מעטראָפּאָליע. איך בין אָבער ניט קיין מיזאנ־טראָפּ. איך באווונדער די מענטשלעכע געני:אליטעט און איך בין גרייט מיטצו־ארבעטן, מיטהעלפן מיט אלע מיטלען, מיט וועלכע מײַן וועלט־אָנשויונג פירט מיך.

— איר זענט א זייער אינטעליגענטע און אינטערעסאנטע, זע איך. יאָ — איר האָט בא אונדזער ערשטער באגעגעניש געזאָגט, אז איר זענט א סטודענטן... וואָס איז דער צילפונקט אין אײַער שטודיום?

— „הומאניזם”, אפילע ווען עס דאכט זיך, אז ס'איז קאָנטראסטיש צו מײַן אינטראָווערטיזם. — האָט זי א שמייכל געטאָן. — עס קלינגט עפשער פונקט אזוי קאָמיש, ווי ווען אן אינדיווידואליסט זאָל ארויסקומען מיט א לאָזונג: אינדיווי־דואליסטן, פארייניקט אײַך! איך מיין אָבער, אז איך דארף און איך קאָן זײַן פארינטערעסירט אין דעם הומאניזם פון דער מענטשהײַט, אפילע ווען איך בין ניט שטארק צוגעבונדן צו איר.

— פארוואָס ניט עפּעס מער פּראקטישס?

— מיר דאכט זיך, אז גראָד דורך דעם שטודירן „הומאניזם” מוז מען, צי מ'וויל, צי מ'וויל ניט, ארײַנגעצויגן ווערן אין מאטעריאליזם, עקאָנאָמיע און אין אנדערע אספעקטן פון לעבן.

— איצט, אז איר האָט, ווי איך פארשטיי, פארלוירן אײַער שטעלע צוליב דעם פײַער, וועט דאָך ווערן שווערער פאר אײַך אויסצוקומען... וועט איר קריגן עפּעס הילף פון אײַער מישפּאָכע?

— ניין. זיי קאָנען מיר ניט העלפן, און איך וואָלט זיך פון זייער הילף אָפּגע־זאָגט. די איינציקע הילף, צו וועלכער איך דענק, איך בין בארעכטיקט, איז פון דער רעגירונג. איך וועל דאָ, אין דער דזשאָנגל, זען אָנהאלטן מײַן פּאָזיציע.

— איך בין זיכער, אז איר וועט דערגרייכן, וואָס איר ווילט דערגרייכן.

— איר זענט אַן אָפּטימיסט, זע איך, מיסטער... יאקגעז. מיר דאכט זיך, אז איך קאָן זאָגן, אז איך קען אײַך, — האָט זי א שמייכל געטאָן.

— איר זענט מיסטאמע א גוטער פּסיכאָלאָג. איך דענק אָבער, אז מ׳קאָן ניט אינגאנצן דערקענען א מענטשן בלויז דורך די געשפּרעכן מיט אים. ס׳זײַנען פאַראַן א סאך, וואָס זיי זײַנען קינסטלער צו מאסקירן זיך. צו דערקענען און וויסן וועגן א מענטשן דארף מען טיפער און נעענטער ארײַנקוקן אין זײַן לעבן. כ׳מיין — ארײַנקוקן אפילע אין די ווינקלען פון זײַן היים, פון זײַנע אקטיוויטעטן; פאַרינטערעסירן זיך מיט זײַנע פרײַנט, מיט זײַן... ביבליאָטעק אפילע; מיט דער סוויווע זײַנער, מיט זײַן מישפּאָכע אפילע; און איך דענק, אז ס׳איז זייער וויכטיק צו וויסן עפּעס וועגן זײַן קינדהײַט, דערוואקסלינג־יאָרן און נאציאָנאליטעט אפילע.

— איך בין קימאט ווי אײַנשטימיק מיט אײַך.

— דענק איך, אז מיר וועלן ווען־ניט־ווען טרעפן זיך אמאָל?

— איך ווייס ניט. אָבער איך וואָלט עס געוואָלט.

— פאַר מיר וואָלט עס צו יעדער צײַט געווען א פאַרגעניגן.

— עס געווענדט זיך אָן די סיטואציעס, אין וועלכע איך וועל זיך געפינען. אײַערע אקטיוויטעטן, ווי איר האָט געזאָגט, זײַנען פערמאנענטע, אָט ווי... בא א שיינעם בוים אין פּארק, — האָט זי א שמייכלענדיקע געזאָגט. — מײַנע טעג, וואָכן און כאדאָשים עפּשער וועלן איצט ווערן ווי קוועקזילבער, מערקורי־אליש... איז ווער קאָן וויסן, וווּהין איך וועל פאַרוואָרפן ווערן.

— איך וועל אײַך געבן מײַן קארטל, — האָט זיך זײַן האנט א ציי געטאָן צו דער זשילעט־קעשענע. — מײַן אדרעס און טעלעפאָן־נומער. ווען איר וועט אמאָל א טראכט טאָן וועגן אונדזער באגעגעניש דאָ און איר וועט האָבן א פּאָר פרײַע שטונדן, וועלן מיר ווידער קענען טרעפן זיך אין א רעסטאָראַן און א שמועס טאָן. עס אינטערעסירט מיך צו הערן און צו זען, ווי איר זיגט אין דער דזשאָנגל דאָ.

— עס וועט פאַר מיר אויך זײַן א פאַרגעניגן — איך זע, אז איך קאָן ריידן מיט אײַך פרײַ און ווייסן, אז איר פאַרשטייט מיך.

— וועלן מיר דאָס פאַרקנופּן מיט א האנטדרוק, עלגא. — האָט ער איר געגעבן די האנט און שוין א קוש געטאָן אירע פינגער, ווי ער פלעגט עס טאָן אין זײַנע יונגערע יאָרן מיט זײַנע באקאנטע פרויען־פרײַנט.

זיי זײַנען געזעסן נאָך א ווײַלע, ריידנדיק וועגן דעם פּײַער, וועגן אירע דרינגענדע פּראָבלעמען און פּערספּעקטיוון. און ווען זיי זײַנען ארויסגעקומען פון דעם רעסטאָראַן, זײַנען זיי געשטאנען א ווײַלע אף דער עוועניו. זי האָט געגעבן די האנט. געזאָגט, אז זי וועט שפּאצירן אהיים. און ווען זי איז אוועקגעגאנגען, האָט ער אָפּגעשטעלט א טאקסי און איז אהיימגעפאָרן.

. . . .

עס זײַנען שוין אוועק א פּאָר כאַדאָשים. די לעבנס־רוטין זײַנע איז אָנגעגאנגען אן אײַנגעשטעלטע, ווי דורך א געזעצגעבונג. די שפּאַצירונגען יעדן אינדערפרי זײַנען אָנגענעם און האָבן אים געשטארקט. אין די רעגנדיקע, מיט שניי געמישטע טעג פלעגט ער לייענען, צוהערן זיך צו דער ראַדיאָ, צי טעלעוויזאָר, צום ווײַפלסטן מאָל דורכקוקן זײַן אלטן ארכיוו — בריוו, פאָטאָגראַפיעס, רעצענזיעס, וואָס ער האָט געשריבן... אזוי אויך אין דעם דאָזיקן אָוונט, דערמאָנט זיך אין עלגאַן. ער האָט זיך דורך דער צײַט פארינטערעסירט אפילע אויסצוגעפינען, צי דער „עפּי־קור" איז שוין געעפנט געוואָרן. ניין. נאָך ניט. און דאָס וואָלט געווען דאָס אייב־ציקע פלאַץ, ווו ער וואָלט זיך געקענט אָנפרעגן (אויב ער וואָלט עס שטארק גע־וואָלט) וועגן עלגאַן. אייגנטלעך, ווייסט ער בלויז איר ערשטן נאָמען... אייגנט־לעך... נאָך א שטיקל צײַט און די באגעגעניש מיט איר וועט פארשטומט ווערן אין דעם קאָסמאָס פון זײַן געדענקשאפט, און שוין — ווי ניט געווען.

עס זײַנען אוועק נאָך א פּאָר וואָכן. עס איז אויסגעפאלן דער ערשטער טיפער שניי. שוין עטלעכע וואָכן, אז ער גייט ארויס שפּאַצירן אין זײַן ווינטערדיקן פּאַל־טאָ מיט דעם פוטערנעם קאָלנער און זײַן קאַראַקולנער קוטשמע. מיסיס מודי פלעגט שוין ארײַנקומען דרײַ מאָל אין דער וואָך אופראמען און אָפּקאָכן און צוגרייטן פאר אים די מאָלצײַטן. אָט האָט שוין באדארפט אָנקומען דער אָוונט פון דעם ניטל — קריסטמעס. די גאסן, די גאנצע אטמאָספער אין דער מעטראָפּאָ־ליע האָט זיך גענומען הוידען אין די געזאנגען פון די „קאַראָלס", מיט דעם גײַסט פון ביזנעס, מאטאָנעס, צדאָקע, פריידיקערײַ אין דעם נאָמען פון דעם געבורט פון דעם זון פון גאָט, פון דעם געקומענעם מאָשיעך.

דער טיף שנייִיקער אָוונט איז בא אים אוועק באם טעלעוויזאָר. די נאכט איז ער דורכגעשלאָפן גוט. דער קריסטמעס־טאָג איז אויך אוועק צופרידנשאפטלנד — דער מאָלצײַט, וואָס מיסיס מודי האָט צוגעגרייט מיט א טאָג פריִער, איז געווען געשמאק (אליין אלעס אָנגעווארעמט אף דעם עלעקטרישן אויוון). ער איז געווען צופרידן, וואָס מיסיס מודי איז געווען שטארק צופרידן מיט זײַן טשעק — די קריסטמעס־מאטאָנע. עס איז אוועק דער טאָג, די נאכט און נאָך א טאָג. עס איז געוואָרן, ווי עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, שטילער ארום און ארום. און, זיצנדיק אין דעם שטילן אָוונט בא דעם אָנגעצונדענעם לאָמפּ און לייענענדיק די צײַטונג, האָט ער א ציטער געטאָן פון דעם פּלוצעמדיקן טעלעפאָן־קלונג. ער האָט זיך אופגעהויבן א פארוונדערטער, צוגעגאנגען צום טעלעפאָן, אופגעהויבן דאָס טרײַבל:

— האלאָ...

— האלאָ, מיסטער יאַקנעס?

— יעס.

— דאָס איז עלגאַ.

— עלגאַ?! וואָס פאר אן אָנגענעמער סורפּריז.

— האָ, איר געדענקט מיך, זע איך.

— איך פאַרגעס ניט אַזעלכע מענטשן.

— ווי פילט איר זיך?

— איך פיל זיך גוט. כ׳גיי אָן — ניט צו באַקלאָגן זיך. און איר, עלגאַ?

— איך בין אַף דעם קענעדי־לופט־פּאָרט.

— איר פליט ערגעץ אַוועק?

— ניין. כ׳בין ערשט אָנגעקומען פון שטאָקהאָלם. מײַן מוטער איז געשטאָרבן. בין איך געפלויגן צו דער לעווײַע. איר ווינט נאָך אַליין, מיסטער יאַקנעס?

— אַליין. עס טוט מיר לײַד צו הערן וועגן אײַער גרויסן פאַרלוסט.

— ס׳איז לויט די געזעצן פון דער נאַטור. איך וויל אײַך עפּעס פרעגן, מיסטער יאַקנעס. איך וואָג עס, ווײַל... כ׳האָב דערקענט אין אײַך אַ פרײַדענקענדיקן מענטשן (זי האָט געשוויגן אַ ווײַלע. האָט ער אויך געשוויגן. געוואַרט). איך האָב ניט איצט קיין שטעלע. דורך די פינף וואָכן, וואָס איך בין געווען אין שטאָקהאָלם, האָב איך דאָ אין ניו־יאָרק פאַרלוירן מײַן צימער. מײַנע אַ פרײַנדן, צו וועלכער איך וואָלט געקענט צופאָרן איבערצושטיין אַ נאַכט אָדער צוויי, איז, ווײַזט אויס, אַוועקגעפאָרן אַף קריסטמעס, צו אירע עלטערן. איך האַלט אין איין קלינגען צו איר, אָבער קיינער ענטפערט ניט. אין אַ ביליקן האָטעל גלוסט זיך מיר ניט אַרײַנצופאַלן. און אין אַן אָנשטענדיקן האָטעל... האָב איך ניט גענוג געלט. וואָלט איר מיר דערלויט צו קומען צו אײַך איבערצונעכטיקן, אָדער שטיין אַ פּאָר טעג, ביז איך וועל געפינען אַ פּלאַץ פאַר זיך?

— האָ, עלגאַ... — האָט ער זיך ניט פאַרטראַכט אפילו. — נעמט אַ טאַקסי און קומט צו מײַן אַפּאַרטאַמענט. איר האָט מײַן אַדרעס?

— יאָ. איך האָב דאָס קאַרטל, וואָס איר האָט מיר געגעבן. אַ דאַנק. איך נעם גלײַך אַ טאַקסי.

ערשט איצט איז ער געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער, אָבער אַ שמייכלענדיקער. אַ געדאַנק איז דורכגעלאָפן אין מוידע: וואָס וואָלטן זײַנע נאָענטע באַקאַנטע געזאָגט, ווען זיי וואָלטן זיך דערוווּסט, אַז אַ שיקסע, זאָל זײַן אפילו אַן אינטעליגענטע שיקסע, קומט צו זײַן אַפּאַרטאַמענט איבערצונעכטיקן, צו שטיין דאָ אַ פּאָר טעג... — האַ, יאַקנעס, אַ געזונט אין דײַנע אַלטע ביינער... זי וועט מיסטאָמע קומען אַ הונגעריקע... איז ער צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן, אָנגעקלונגען אין דעם רעסטאָראַן, אין וועלכן ער פלעגט פון צײַט צו צײַט באַשטעלן שפּײַז, וואָס זיי פלעגן צושיקן. באַשטעלט אַ לײַכטן צובײַסן פאַר צוויי, צוצושטעלן עס מיט אַ שאָ שפּעטער. די שאָ, וואָס עס האָט איר באַדאַרפט נעמען צו קומען פון לופט־פּאָרט, איז ער קוים אײַנגעזעסן.

ענדלעך — דער טיר־באַדינער אין וועסטיביול האָט אָנגעקלונגען: אַ יונגע פרוי איז אָנגעקומען צו מיסטער יאַקנעס... עלגאַ איז איר נאָמען. האָט ער אים געזאָגט, אַז ער זאָל זי גלײַך אַרופבריינגען. ווען ער האָט זי דערזען בײַ דער אָפּע־

נער טיר מיט איר וואליזע, אין א קורצן זשאקעטל, מיט א קאַפּיושאָן איבער איר קאָפּ, האָט ער זיך צעשמייכלט מיט עפּעס אַן אומבאַוווּסטזיניקער פרייד, גענומען איר וואליזע און געפירט זי צו א זײַטיקן צימער, וואָס איז געווען א מין סטו־דיִע — א ברייטע סאָפע, א ביוראָ־טישל מיט א לאָמפּ אונטער א גרינעם אבאַ־זשור, אן אָפן שאַפקעלע מיט ביכער, — א צימער, וואָס איז געשטאַנען יאָרנלאַנג אזוי... נאָך ווען רוטע האָט געלעבט. ער אליין פלעגט ווען־ניט־ווען, אין א „בלויער" שטימונג, ארײַנגיין אין דעם צימער, אנידערלייגן זיך אף דער סאָפע און מעדיטירן.

עלגא האָט באטראכט דאָס צימער און צעשמייכלט זיך א צופרידענע. אנט־שולדיקט זיך און געזאָגט, אז זי וויל ברענגען זיך אין אָרדענונג. פארמאכט די טיר. דערנאָך איז זי ארויסגעקומען מיט אייניקע זאכן און געלאָזט זיך גיין צום וואש־צימער, וואָס איז געווען גלײַך אנטקעגן דעם סטודיִע־צימער.

ס'האָט ניט גענומען לאנג און די באשטעלטע פון אים שפּײַז איז אָנגעקומען. ווען זי איז ארויסגעקומען פון וואש־צימער, איז ער שוין געשטאַנען באַם באַלויכ־טענעם טיש, אף וועלכן ער האָט ארופגעשטעלט (נאָך איידער איר קומען) טע־לער, זילבערוואַרג, א פלאַש ווײַן, צוויי באָקאַלן. זי האָט אויסגעקוקט אין זײַנע אויגן ווי א גאַסט פון זײַן שטאנד, אָט ווי זײַנס אן אייניקל וואָלט אויסגעקוקט, ווען ער וואָלט עס געהאַט.

— ווע‏לן מיר עסן, עלגא.

— מ'האָט אונדז געגעבן א געשמאַקן מאָלצײַט אף דעם דזשעט. דאָס איז, עמעס, געווען מיט א פינף שטונדן צוריק.

ער האָט אָנגעגאָסן די צוויי באָקאַלן מיט ווײַן.

— צו גוטע שטימונגען, עלגא. אז מ'האָט גוטע שטימונגען, איז אַלעס גוט ארום.

— א וווּנדערבאַרער טאָסט, — האָט זי אויך אופגעהויבן איר באָקאַל.

— איז לאָמיר עסן. מיר וועלן שמועסן דערנאָך. איר מוזט זײַן מיד.

— ניין, איך בין ניט מיד. בלויז די שטימונג... דורך די פינף וואכן אין שטאָקהאָלם האָב איך קיין פרייד ניט געהאַט און איצט, צוריקקומענדיק, האָב איך דערצו פארלוירן אויך מײַן צימער. צום גליק האָב איך אין קאָלעדזש ניט צופיל אָנגעוווירן. פארקערט — צו מײַן פרייד... איידער איך בין אָפּגעפלויגן קיין שטאָק־האָלם, האָב איך זיך דערוווּסט, אז איך וועל קריגן א מינימום סטיפּענדיע. דער פּראָפעסאָר קראָפאָרד האָט זיך באמיט צו אראַנזשירן דאָס. אייגנס פון מײַנע „פּאַ־פּירן" איז אים שטארק געפעלן געוואָרן. געזאָגט — ער וועט זען, אז ס'זאָל גע־דרוקט ווערן אין א זשורנאַל.

— איר האָט אף דעם טעלעפאָן דערמאָנט וועגן אײַער מאַטעריעלער לאַגע. אויב איר נייטיקט זיך אין פינאַנציעלער הילף, קאָן דאָס אראַנזשירט ווערן.

— א דאנק. א דאנק. איך בעט אײַך... דערמאָנט ניט איצט וועגן דעם. ווי איר קאָנט זען, בין איך ניט קיין שעמעוודיקע און ניט קיין סענטימענטאַלע און אויך ניט קיין מאָראַליש פאַרשקלאַפטע. אָט האָב איך זיך געווענדט צו אײַך איבער־נעכטיקן דאָ בא אײַך. איך בין זיכער, אַז איר באַטראַכט דאָס אָן מאָראַלישער פאַרורטיילונג, ווי עס וואָלט עס באַטראַכט די מערהײַט פון דער קלײנבירגער־לעכער מענטשהײַט. איר האָט דאָך געקענט אָנגעבן א צענדליק לאָגישע טערוצים, פאַרוואָס איר קאָנט מיך ניט אופנעמען אַלס גאַסט.

— לעצטנס בין איך געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז מיר, עלטערע, קענען גאָר א סאַך לערנען פון די יונגע — אַט, אשטייגער, ווי צו באַפרײַען זיך פון די אַלטע, פאַרזשאַווערטע קייטן און קייטעלעך אין לעבן. איך טראַכט אפילע אַפט: אַך, ווען איך וואָלט געקענט ווידער אָנהייבן פון אָנהייב.

— איך שטעל זיך פאָר, אַז אין אײַערע יונגע יאָרן האָט איר אויך געטראָגן אין זיך אײַערע ראַדיקאַלע אַספּיראַציעס, וואָס האָבן געפירט צו אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען.

— יאָ, איר ווייסט דאָך ווי מע זאָגט: בא יעדן איינעם ליגט ערגעץ א סקעלעט אין שאַפע. כ׳האָב אָבער באַדאַרפט אָפּנאַרן, זאָגן ליגנס, זײַן א היפּאָקריט. די יוגנט איצט האָט באַוויזן, אַז מע קאָן געניסן פון דעם פרײַ־ראָמאַנטישן לעבן אָן נאַרערײַ, אָן היפּאָקריזיע, אָן מוירע.

— דאָך... דעם עמעס זאָגנדיק, — האָט זי א קוק געטאָן אין זײַנע אויגן א שמייכלענדיקע, — ווען מיר נעמען קוקן אָף צוריק געשיכטלעך, זעען מיר, אַז אין עראָטיק און סעקסואַליזם, אין לעבן און איבערהויפּט אין קונסט זײַנען די קיניגן, די קיניגנס, די צאַרינאַס, די שרײַבער און דיכטער און איבערהויפּט די מאָלער מיט הונדערטער און אפילע מיט טויזנטער יאָרן צוריק געווען גאַנץ דעמאָנסטראַ־טיוו און אָפן, און אפילע פרײַ אין זייער סעקסועלער באַנעמונג, אין זייער שרײַבן און מאָלן. טוט א קוק אָף דער נאַקעטקײַט אין די בילדער פון דעם פופצנטן, זעכצנטן, זיבעצנטן און אכצנטן יאָרהונדערטער. דערמאָנט זיך אין א באָקאַטשיאָ, אין דעם סדאָם און האַמוירע, אין די בערנהאַרד, זשאָרזש זאַנד, יעקאַטערינעס, זאָליאַס „נאַנאַ“, פראַנק העריס, צו דערמאָנען בלויז עטלעכע...

מיר וואָלטן פון די שרײַבער געקענט דערמאָנען מאָפּאַסאַנען, ארציבאַשעוון, און פון די מאָלער גאָיאַס „מאַיאַ“ און, עמעס, א גאַנצע ריי מאָלער. יאָ, מיר פאַרגעסן צו דערמאָנען זיך און טראַכטן וועגן דעם.

— אפילע טאָלסטאָיס „אַנאַ קאַרענינאַ“ און פלאָבערס „מאַדאַם באָוואַרי“ האָבן שוין פּרובירט צו ווײַזן די טראַגעדיעס פון פאַרבאָטענער ליבע, די פאַרשקלאַפונג פון נאַטירלעכע אינסטינקטן און עמאָציעס, א פאַרשקלאַפונג, וואָס האָט געפירט צו זעלבסטמאָרד. יאָ, איבסען האָט פּרובירט עפענען א טירל מיט זײַן „נאָראַ“, אָבער טאַקע בלויז א טירל און מיט א „נאָראַ“, וואָס איז געווען איינגאַנצן א פאַר־שפּיליעטע און פאַרקנעפּלטע אפילע אין איר „טאַראַנטעלאַ“.

זיי האָבן א ווײַלע געשוויגן.

— נאָך א ביסל ווײַן? — האָט ער א פרעג געטאָן.

— ניין, א דאנק. כ׳האָב גאָרניט קעגן ווײַן, כ׳האָב זיך אָבער אויסגעלערנט צו קאָנטראָלירן זיך... צוליב עריקן... מײַן געוועזענער... מאן. אין „עפּיקור״ פלעג איך זיך דערמאָנען אָפט אין אָמאר כאיאמס רובאיאט. איר זענט עפּשער באקאנט מיט זײַן פּערז?

— כאַ! צי ער איז מיר באקאנט? מײַנער א גוטערפרײַנט און מײַן פּרויס קאָ־לעגע דער דיכטער און ציין־דאָקטער א. אייסען האָט פון פיטצזשעראַלדס איבער־זעצונג געמאכט אן איבערזעצונג אף ייִדיש און געשיקט מיר דאָס ביכעלע א מאטאָנע.

— ווי אינטערעסאנט.

זיי זײַנען נאָך דעם עסן ארײַנגעגאנגען אין פראָנט־צימער. ער האָט אָנגע־שטעלט די ראַדיאָ אף די שטילע טענער און צו זײַן צופרידנקײַט און פארגעניגן האָט ער דערהערט בראמס פּיאנאָ־קאָנטשערטאָ. זיי האָבן זיך א ווײַלע צוגעהערט, ניט ריידנדיק. אונטער דעם מילדן ליכט פון לאָמפּ לעבן איר שטול האָט ער גע־קאָנט זען דעם מידן אויסדרוק פון איר פּאָנעם.

— האָט איר געהערט פון אים, פון אײַער...

— פון עריקן? — האָט זי פארשטאנען, וואָס ער וויל פרעגן. — געהערט פון אים. ער איז געווען א פּאָר כאדאָשים אין א שפּיטאָל, א מין סאנאטאָריום. ער האָט דאָס געשריבן צו מײַן שוועסטער, אָנפרעגנדיק זיך אף מײַן אדרעס. ער וואָלט געוואָלט ווידער זײַן מיט מיר. ער שרײַבט, אז ער ארבעט ערגעץ אין א כימישער לאבאָראטאָריע. ער שרײַבט א בוך... א נאָוועלע וועגן יונגע מענטשן און זייער רעוואָלט קעגן מילכאָמע. ער האָט גראדע טאלאנט, גלייב איך. גע־לייענט א פּאָר פון זײַנע נאָך ניט פּובליקירטע דערציילונגען. איך קען אָבער ניט און טאָר ניט ווידער, איבערהויפּט איצט, נעמען שאנסן מיט אים. ניט איצט, בא מײַן ערנסטן שטודירן. איך וואָלט אים געוואָלט א געזונטן — פיזיש און גײַסטיק. און רעספּעקטירן אים.

זי האָט זיך פלוצעם אופגעהויבן און, ארײַנגייענדיק צוריק אין עס־צימער, גענומען אופראמען דעם טיש. אראָפּגענומען אלעס, געטראָגן אין קיך ארײַן. גע־וואשן עס. ער האָט זי ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט פארשטאנען, אז ער וואָלט זי סײַוויסײַ ניט געקענט אָפּשטעלן. ווען זי איז פארטיק געוואָרן, האָט ער זי ארײַנ־גערופן אין סטודיע־צימער, ווו עס איז געשטאנען איר אָפּענע וואַליזע. ער האָט איר אָנגעוויזן אף דער לאנגער וואנט־שאפע און געזאָגט, אז דאָרט ליגן קישנס, לײַלעכער, א קאָלדרע, האנטעכער און אלע נייטיקע זאכן פאר א שלאָף־צימער און וואש־צימער. זאָל זי זיך פילן ווי בא זיך אין דער היים. זי האָט געשמייכלט און געדאנקט. זיי זײַנען צוריקגעגאנגען צום פראָנט־צימער. געהערט פון טעלע־וויזאָר די לעצטע נײַעס, און קימאט א שאָ צײַט גערעדט און קאָמענטירט וועגן

דעם געהערטן, וועגן דעמאגאָגיע און היפּאָקריזיע אין דער וועלט פון מאכט און פּאָליטיק.

— איר זענט מיסטאמע געוווינט צו גיין שלאָפן שפּעט... — האָט ער געזאָגט.

— ווען איך האָב געארבעט אין „עפיקור״, פלעג איך גיין שלאָפן גאנץ שפּעט. די לעצטע פינף וואָכן האָב איך באדארפט צופּאסן זיך צו די שטונדן אין שטאָק־האָלם און צו מײַן שוועסטערס און שוואָגערס געוווינהײַטן. פלעג איך לייענען ביז שפּעט אין דער נאכט. און איך וויל ניט זײַן אויך אין אײַער וועג, מיסטער יאַק־נעס. איר גייט מיסטאמע שלאָפן גאנץ פרי...

— אָט אין דער דאָזיקער צײַט קימאַט.

— וועל איך אויך גיין, — האָט זי זיך אופגעהויבן. — און דערצו בין איך אויך מיד א ביסל... א גוטע נאכט, מיסטער יאַקנעס.

— א גוטע נאכט, עלגא. כ׳ווייס נאָך ניט אײַער פאמיליע־נאָמען.

— דזשאנסען. אין שוועדיש בין איך יאָהאנסען.

— שלאָפט ווי שפּעט איר ווילט.

— איך וועל. א גוטע נאכט.

ער האָט פארלאָשן די ליכט. געגאנגען אין וואַש־צימער, וואָס איז געווען לעבן זײַן שלאָף־צימער, און איז געגאנגען שלאָפן. ליגנדיק אין בעט, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי מאכט איר בעט, ווי זי טוט זיך אויס, ווי זי ליגט און טראכט מיסטאמע וועגן... וועגן וואָס... און ער איז גראָד אין צײַט, ווי שטענ־דיק, אנשלאָפן געוואָרן. אופגעכאפּט זיך פארטאָג, ווי יעדן פארטאָג. גלײַך דער־מאָנט זיך אָן איר, אָן עלגאן. שלאָפט מיסטאמע גוט. די נאכט האָט זיך נאָך ניט אינגאנצן אָפּגעשיידט. ס׳איז נאָך האלב־פינצטער ארום. דערפילט, אז ער דארף אראָפּגיין אין וואַש־צימער, האָט ער אָנגעטאָן דעם כאלאט און די שטעקשיך. און, ארויסקומענדיק פון וואַש־צימער, האָט ער פּלוצעם באשלאָסן אנידערצוזעצן זיך. זיצן, באטראכטן די פארטאָגיקע געדאנקען, וואָס שוועבן אין מויעך. איז ער שטיל ארײַנגעגאנגען אין פראָנט־צימער און ארײַנגעזעצט זיך אין ברייטן, בידע־ריקן שטול. געזעסן און פּלוצעם דערהערט, ווי עס גיסט זיך דאָס וואסער פון שפּריץ אין דעם וואַש־צימער קעגן איר טיר. זי האָט זיך אויך אופגעכאפּט פון שלאָף און נעמט א שפּריץ מיסטאמע... האָט ער א טראכט געטאָן.

עס האָט גענומען א פינף מינוט און עס האָט פּלוצעם פון דער האלב־אָפענער טיר פון איר צימער א שײַן געטאָן א פאס ליכט פון דעם אָנגעצונדענעם דאָרט לאָמפּ. און אין דער שײַן פון ליכט, האָט ער פון דעם פּלאַץ, וווּ ער איז געזעסן, געקענט זען דעם פּלוצעמדיקן בליץ פון א ווײַסן, נאקעטן קערפּער, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין פולער לענג אין דעם גרויסן שפּיגל, וואָס איז געהאנגען פונקט קעגן דער טיר פון דעם סטודיע־צימער — לאנגע פיס... שיין־פאָרמירטע בריסטן... א פלאכער בויך אין דער קישעפדיקער, מיסטישער אפילע ווײַבלעכער אנטפּלעקונג, וואָס האָט ווי מיט א ווארעמער, פארנעפּלטער כוואַליע א שלאָג

געטאָן מיט עפּעס אַן אומבאַוווּסטזיניקער האַנאָע, אַ האַנאָע, וועלכע ער האָט שוין אַ סאַך יאָרן ניט געפּילט.

זי איז געשטאַנען, ווײַז אויס, קוקנדיק אין דעם גרויסן שפּיגל, און געקעמט אירע האָר. עס האָט אים מיטאַמאָל אַן אומבאַוווּסטזיניקן הייב געטאָן, און מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ האָט ער זיך אָף די שפּיץ פינגער אַ לאָז געטאָן צום שלאָף־צימער, צו זײַן בעט. אַנידערגעלייגט זיך און אַ טראַכט געטאָן: דאָס איז געווען עפּעס אַ מאַטאָנע פאַר אים פון עפּעס אַ גאָט פאַר זײַן מענטשלעכער באַציִונג צו איר... און ער איז גראַדע ווידער אַנשלאָפן געוואָרן. ווען ער האָט זיך אופגעכאַפּט, האָט ער דערהערט, אַז זי איז אין קיך, דערהערט דאָס פּילפּלען פון דעם קאַווע־פּערקאָלאַטאָר. איז ער אַרײַן אין וואַש־צימער, געוואַשן זיך, פאַרקעמט זיך, אַרויסגענומען פון שאַפע און אָנגעטאָן דעם שענערן כאַלאַט זײַנעם און געלאָזט זיך צו דער קיך.

— אַ גוטמאָרגן, עלגאַ.

— אַ גוטמאָרגן, מיסטער יאַקנעס.

— פאַרגעסט אָן דעם „מיסטער" — בלויז יאַקנעס. איך זע, אַז איר האָט זיך דאָ גאַנץ גוט אָריענטירט.

— איך בין דורכגעגאַנגען גאַנץ גוטע שולעס.

— געשלאָפן גוט?

— גאַנץ גוט. פאַרטאָג אָפּגעפרישט זיך מיט אַ קילן שפּריץ.

— קען איך אויך עפּעס טאָן? העלפן אײַך דאָ?

— זעצט זיך אַוועק באַם טיש און איך וועל סערווירן. איר האָט ליב די קאַווע פריִער, צי שפּעטער?

— צום ערשטן די מאַראַנצן־זאַפט. און איך וועל נעמען מײַן דיאַבעטישע פּיל. איך זע, אַז איר האָט שוין געמאַכט די קאַשע און אויך די געפּרעגלטע אייער... וועל איך גיין צום טיש. אָבער צוברוינען די ריפּטלעך ברויט וועל איך... איך בין אַ גרויסער ספּעציאַליסט אָף דעם, כאַ־כאַ...

— איך שטעל זיך פאָר, אַז איר זענט אויך אַ גוטער קעכער.

— אַן ערשטקלאַסיקער, אויב איך מעג אַליין לויבן זיך.

זיי האָבן געגעסן דעם פרישטיק. געשמועסט וועגן די געשעענישן אין איראַן. ער האָט זיך פאַרינטערעסירט וועגן איר דיסערטאַציע, וועגן דער סטיפּענדיע. האָט זי אים דערציילט וועגן דעם סאָציאַלן הינטערגרונט אין איר אַרבעט.

ווען זיי האָבן פאַרענדיקט דעם פרישטיק און זי האָט אין קיך געבראַכט אַלעס אין אָרדענונג, האָט זי אים געזאָגט, אַז זי וועט איצט פאָרן זען זיך מיט אַ פּאָר באַקאַנטע אין גריניטש־ווילעדזש. עפּשער וועלן זיי העלפן איר געפינען אַ מעבלירטן צימער. זי איז ניט זיכער, צי זי וועט זיי טרעפן אין דער היים, ווײַל זי האָט אויך נעכטן געקלונגען און קיינער האָט ניט געענטפערט. זי וועט אויך זאָנדירן די מעגלעכקײַטן צו געפינען אַ שטעלע אין אַ רעסטאָראַן, זאָל זײַן אַפילע

בלויז אייניקע טעג, צי שטונדן. זי וועט א קוק טאָן אין דער „ניו־יאָרק טײַמס" און עפשער אָנקלינגען נאָכאַמאָל פונדאַנען... — איז זי צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן. ווידער אָנגעקלונגען, אָבער קיינער האָט ניט געענטפערט.

— איר זענט אויך הײַנט מײַן גאַסט, — האָט ער געזאָגט. — איך וועל אײַך אין אָוונט נעמען אין „אַמבאַסאַדאָר". — האָט ער געשמייכלט.

זי איז אַוועקגעגאַנגען. ער איז געבליבן אַליין מיט זײַן א ביסל צעשאָקלטער רוטין. אַרײַנגעגאַנגען אין דעם סטודיע־צימער — אַלעס אין אָרדענונג. גלײַך ווי קיינער איז דאָרט ניט געווען. בלויז דער אָפענער בוך, העמינגווייס „דער אַלטער מאַן און דער יאַם", איז געלעגן אויף דעם קליינעם טישעלע בײַ דער סאָפע און איר פּאַרמאַכטע וואַליזע בײַ דער וואַנט. זי איז צוריקגעקומען אַרום פינף. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער אָוונט וואָרט שוין אין דרויסן, זיי זײַנען געווען פאַרטיק צו פאָרן.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און זיי זײַנען געזעסן בײַ א טישל אין דעם רעסטאָראַן. קיינע געטראַנקען. בלויז פיש. אַלערליי סאַלאַטן און קאַווע. זי האָט אים דערציילט וועגן אירע טאָג־אַקטיוויטעטן. די צוויי באַקאַנטע (אויך סטודענטן) האָבן איר מיט גאָרניט געהאָלפן; געזען זיך מיט א פּאָר באַקאַנטע קעלנערנס — דאָס זעלבע. אין די גוטע רעסטאָראַנען האָבן זיי זייערע שטענדיקע, שוין גוט־אײַנגעשטעלטע, געניטע קעלנערנס; און אין די ביליקע איז א שרעק אַרײַנצוקומען; די קעלנערנס פון „עפּיקור" קריגן זייערע טשעקס אַלס אַרבעטסלאָזע — זי, עלגאַ, איז ניט געווען דאָ אין לאַנד א פינף־זעקס וואָכן, און זי האָט ניט קיין שטענדיקן אַדרעס, קאָן זי קיין טשעקס ניט קריגן. געזען א פּאָר מעבלירטע צימערן, איז זי קוים אַנטלאָפן פון דאָרט. זי האָט זיך דערפילט אַפילע דערשלאָגן הײַנט — א זאַך, וואָס זי וואַרפט אָפּ, ווען עס קומט צו נידערשלאָגענע שטימונגען. זי וויל ניט, און קען ניט, און טאָר ניט ווערן א מענטש מיט רעזיגנאַציע־שטימונגען. עפּעס, ווייסט זי. וועט קומען.

— הונדערטער פּראָצענט גערעכט, — האָט ער לײַכט א קלאַפּ געטאָן מיט זײַנע פינגער אין איר האַנט. — ניט געזאָרגט. איר קענט וווינען בײַ מיר ווי לאַנג עס וועט נעמען, ביז איר וועט געפינען עפּעס א באַשעפטיקונג, און עס מוז ניט זײַן אין א רעסטאָראַן. און ס'איז פון מײַן זײַט ניט א ראַכמאָנעס־זשעסט אַזאַ. עס איז בײַ מיר... אויך פאַר מיר אַליין א... נײַ־צוגעקומען קאַפּיטל פון אימפּרעסיעס, וואָס איר האָט אַרײַנגעבראַכט צו מיר. ס'איז מיר אָנגענעם מיט אײַך אין דעם אַפּאַרטאַמענט. ווען איך וואָלט געווען מיט א דרײַסיק יאָר יינגער און איר מיט א דרײַסיק יאָר עלטער, וואָלט איך זיך דערקלערט אין ליבע צו אײַך.

— עס איז מיר זייער אָנגענעם אַפילע בלויז צו הערן דאָס.

— בלײַבט דערווײַל בײַ מיר. פילט ניט, אַז איר מוזט זײַן צוגעבונדן צום אַפּאַרטאַמענט, אַז איר מוזט ווערן א מין קאָמפּאַניאָן צו מײַנע... געשפּרעכן, שטימונגען... שטעלט זיך פאָר, אַז איך האָב דאָס צימער פאַרדונגען אײַך אויף א

שטיק צײַט. לעבט ווי א מענטש פאר זיך, ווי איר ווילט און ווי איר פילט. אָן שום אָבליגאציעס.

— א דאנק... יאקנעס. איך וועל זען. נאָך א טאָג, צוויי... צי א פּאָר טעג נאָך דעם נײַעם יאָר. איך וועל זען. קיין גאָר נאָענטע האָב איך ניט דאָ.

— גוט. איך ווייס — א מענטש קען אָפּלעבן זיין גאנץ לעבן אין א צענמיליאָנ־ניקער מעטראָפּאָליע און האָבן בלויז א פּאָר געציילטע פרײַנט, צי באקאנטע, מיט וועלכע ער וואָלט געקענט טיילן זײַנע לעבנס־אינטערעסן. אמאָל דאָס אויך ניט.

. . . .

עס איז אָנגעקומען דאָס נײַע יאָר. עס האָט אין דעם אָוונט געשנייט. זיי האָבן געגעסן א געשמאקן מאָלצײַט, וואָס מיסיס מודי האָט מיט א טאָג פריִער צוגע־גרייט. זי, מיסיס מודי, ניט ווייסנדיק, וואָס דאָ קומט פאָר, האָט יעדעס מאָל גע־שמייכלט, ווען זי האָט גערעדט צו עלגאן, אָדער מיט יאקנעסן וועגן עלגאן. אײַן זײַן אופריכטיקן עמעס וועגן דעם אָנגייענדיקן האָט זי ניט געגלייבט, אָבער מיט קיין וואָרט ניט ארויסגעגעבן איר נײַגעריקײַט צו וויסן, ווער זי איז און וואָס זי טוט דאָ בא דעם אלטן מיסטער יאקנעס.

דער טעלעוויזאָר האָט ארום צוועלף באנאכט געבראכט פון דעם „יוניאָן־סקווער" די יוגנטלעכע באגעגעניש פון דעם אָנקומענדיקן נײַעם יאָר, און ער און עלגא האָבן פונקט צוועלף, בא דער יובילאציע און טרומייטערײַ, וואָס איז געקומען פון דער טעלעוויזיע, געטרונקען צוביסלעך רויטן ווײַן. און דערנאָך גע־ווונטשן זי אים און ער איר א גוט יאָר און אויך א גוטע נאכט, און זיי זײַנען ארײַן אין זייערע שלאָף־צימערן — יאקנעס, אין דער לעצטער מינוט, קושנדיק איר האנט. עס זײַנען אוועק נאָך א פּאָר טעג און נעכט. דורך די טעג איז עלגא ערגעץ געגאנגען. ניט דערציילט אים מער וועגן אירע באגעגענישן און אנטוי־שונגען. איינמאָל געבראכט מיט זיך פּעקלעך מיט געבעקסן, מיט אלערליי קעזן, מיט מאסלינעס, טייטלען; ער האָט געוווסט, אז מיט א וואָך שפּעטער דארף זי אָנהייבן באזוכן דעם אוניווערסיטעט. ער האָט געזען אין די אָוונטן, ווי זי ארבעט איבער אירע פּאפּירן. זי האָט גאנצע צוויי טעג פארבראכט אין איר צימער לייע־נענדיק און שרײַבנדיק. אין איין פרימאָרגן, באם פרישטיק, וואָס זי האָט יעדן אינדערפרי צוגעגרייט, האָט ער א זאָג געטאָן:

— עלגא... איך וויל ניט קיין מיספארשטייענישן. איך וויל ניט, אז איר זאָלט עס אויסטײַטשן ניט אין ריכטיקן זין, כאָטש איך בין איבערצײַגט, אז איר וועט עס אָננעמען אין דעם ריכטיקן, נאטירלעכן זין. איר האָט ניט קיין אײַנקונפט. א מענטש אין ניו־יאָרק, אפילע א סטודענט, קאָן ניט לעבן אף געציילטע דאָלארן. איך דענק און איך וויל, אז איר זאָלט האָבן א פרײַען דאָלער מיט זיך; דערפילן, אז איר גייט דאָ אָן שרעק פאר דעם הײַנטיקן און מאָרגנדיקן טאָג. דאָ האָט איר (ער האָט צוגערוקט צו איר א קאָנווערט) פיר הונדערט דאָלער א האלוואָע. איר וועט עס מיר צוריקגעבן, ווען איר וועט פארדינען גענוג צו באצאָלן אײַערע כוי־

וועס. ענטפערט מיר ניט. נעמט דעם קאָנווערט און לאָמיך זען אײַער שמייכל.
זי האָט זיך צעשמייכלט. האָט גענומען זײַן פּאָנעם אין אירעביידע הענט און האָט אים א קוש געטאָן אין שטערן.

. . . .

עס האָט שוין געהאלטן אינמיטן ווינטער. מיסיס מודי פלעגט קומען, ווי פריִער, דרײַ מאָל אין דער וואָך. דורך די טעג פלעגט עלגא זײַן אין אוניווערסיטעט. אין די אָוונטן — מערסטנס אין איר צימער. בלויז איינמאָל, אין א זונטיקדיקן אָוונט, האָט יאקנעס גענומען זי צו דער סימפאָניע. א פּאָר מאָל, אין די פארטאָגן, ווען ער האָט געהערט, אז זי נעמט א שפּריץ, האָט עס אים געצויגן אראָפּצוגיין, אנידער־זעצן זיך אין שטול און ווארטן אף דעם בליק פון איר נאקעטקייט. ער איז אָבער געבליבן ליגן א פילאָסאָפירנדער: ס׳איז טאקע א פארגעניגן צו דערזען זי אין איר נאקעטקייט, אָבער ווען עס קומט אומדערווארטעט, אָן דעם ספּעציִעלן באַ־שלוס... אָבער אנידערזעצן זיך און ווארטן — ניין.
איינמאָל האָט ער זיך, שפּאצירנדיק, פארקילט. האָט זי, ווי א פּראָפעסיאָנעלע קראנקן־שוועסטער, פארנומען זיך מיט אים. געגעבן אים אספּירין־טאבלעטן, אויס־געקוועטשט פאר אים מאראנצן־זאפט, ביז זײַן טעמפּעראטור איז ווידער געוואָרן נאָרמאל.
— איר האלט אן אויג אף מיר, קראנקן־שוועסטער, — האָט ער געזאָגט.
— ביידע אויגן, יאקנעס. — האָט זי אן ערנסטע געזאָגט.

. . . .

עס איז שוין געווען קימאט אין אפּרעל, ווען זי איז איינמאָל אהיים געקומען פריִער ווי געוויינלעך. ארויסגענומען דאָס עסנווארג פון פריגידער, גענומען דער־ווארעמען עס און גרייטן דעם טיש. ווען זיי האָבן שפּעטער אָפּגעגעסן און ווען זי איז דערנאָך פארטיק געוואָרן אין קיך, האָט זי א זאָג געטאָן:
— יאקנעס... איך האָב גוטע נײַס.
— יאָ? גוטע נײַס איז א גאנץ גוטע זאך.
— דער „עפּיקור" ווערט ווידער דערעפנט. איך האָב צוריק מײַן שטעלע און איך גיי וווינען בא מײַנער א באקאנטער — אויך א סטודענטן.
יאקנעס האָט זיך דערפילט, גלײַך ווי מ׳גייט צונעמען עפּעס בא אים.
— איר פילט זיך דאָ אומבאקוועם, עלגא?
— איך האָב זיך קיינמאָל אין ערגעץ ניט געפילט אזוי באקוועם, ווי דאָ בא אײַך. אָבער... איך וויל ניט ווערן א פּאסיווע געניסערן פון אלדאָס גוטס. איך וויל ווידער דערפילן א ביסל קעמפערישקײַט, עפּעס שוועריקײַטן אפילע אף דעם וועג צו מײַן ציל. איך האָב כויוועס, וועלכע איך דארף אָפּצאָלן. און איך מיין ניט אײַך, מײַן טייערער יאקנעס — איך מיין כויוועס צו זיך אליין.
— איך פארשטיי. ווינטש איך אײַך דערפאָלג.
— א דאנק. איך וועל זען ניט צו ווערן אָפּגעפרעמדט.

— איז ווען...

— מאָרגן.

— נאָך איין, בלויז נאָך איין נאכט דאָ.

— יאָ. נאָך איין נאכט דאָ. פון די גוטע, רויִקע נעכט.

. . . .

עס זײַנען אוועק זעקס כאדאָשים. דורך דער צײַט האָט ער גערעדט מיט איר אַף דעם טעלעפאָן א פיר, פינף מאָל. זי איז געווען די דאָזיקע, וואָס האָט יעדעס מאָל געקלונגען. אָנגעפרעגט זיך אַף זײַן געזונט, צי ער גייט אָן מיט זײַנע שפּאַצירונגען, צי ער הערט זיך נאָך צו צו גוטער סימפאָנישער מוזיק, צי עס זײַנען עפשער אָנגעקומען עפעס בריוו פאר איר... אַף זײַן אדרעס. דורך דער צײַט האָט ער דערהאלטן פון איר צוויי טשעקס צו צוויי הונדערט דאָלאר איעדער.

די אָוונטן זײַנע, פון זינט זי האָט זיך ארויסגעצויגן, זײַנען געוואָרן פאר אים ווייניקער אינטערעסאנט. ס'האָט זיך אים געהאלטן אין איין אויסווײַזן, אז ער הערט איר טיפע, ברוסטיקע שטימע מיט איר ספּעציפיש שוועדישן אקצענט. ער האָט אָנגעהויבן אָפטער ריידן צו זיך אליין. אָבער אלעס ארום אים איז אָנגעגאנגען לויט דעם אײַנגעשטעלטן סיידער. אָט, נאָך א פּאָר כאדאָשים, און ס'וועט אָנקלינגען אין אים דאָס זעקס־און־אכציקסטע יאָר. אָבער דאָס מאָל וועט ער ניט גיין אין „עפיקור" — ער זאָל ניט דארפן זיצן אליין און קוקן אַף איר פונדערווײַטנס.

צו זײַן גרויסער פרייד און שטוינונג איז אין דעם טאָג פון זײַן געבורט אָנגעקומען א גרויסער בוקעט רויזן, און זי האָט אָנגעקלונגען אַף דעם טעלעפאָן, און האָט אים געזאָגט, אז זי פארלאָזט איר שטעלע אין „עפיקור". זי וועט ארבעטן אין אוניווערסיטעט אלס סעקרעטארן באם פּראָפעסאָר קראַפּאָרד. עס איז א ווונדערבארע געלעגנהײַט פאר איר. און ווען ער האָט אָפּגערעדט מיט איר, און פארבײַגייענדיק דעם שפּיגל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, א קוק געטאָן אַף זיך און געזאָגט: געווען אַף א ווײַלע עפעס א מין מענטשלעכע שיינקײַט און זי ווערט פארשוווּנדן ווי רויך... ווי א כאָלעם...

עס איז אוועק נאָך א יאָר. ער האָט זיך שוין געפילט שוואכער. עס איז געוואָרן פאר אים שווערער און שווערער צו „מאכן די צען, צוועלף קווארטאלן" אַף זײַן שפּאציר יעדן טאָג. מיסיס מודי האָט אָנגעהויבן ארײַנצוקומען פיר מאָל אין דער וואָך. דורך די טעג פלעגט ער שוין זיצן לענגער אין זײַן שטול. די ברילן זײַנע — מערסטנס אַף זײַן שטערן. פלעגט נעמען א שפּריץ שוין בלויז איין מאָל אין דער וואָך. דאָך געזוכט ארבעט אין הויז — ניט געוואָלט ווערן אַן אינוואליד. עס איז ווידער אָנגעקומען דאָס נײַע יאָר. און ער האָט ווידער דערהאלטן (דאָס מאָל טעלעגראַפיש באשטעלט) א בוקעט בלומען פון עלגאַן, וואָס האָט אים מאמעש ארומגעכאפּט מיט א פריידיקער ציטערניש. און מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז אָנגעקומען א בריוו פון איר, פון עוואַנסטאָן (לעבן טשיקאַגאָ), אין וועלכן

זי האָט געשריבן, אז זי קען אים ניט פארגעסן. ער איז שטענדיק ווי א שייַנענ־דיק פלעמל אין איר מויעך, איבערהויפּט, ווען עס טרעפן טונקעלע מאָמענטן אין איר לעבן. זי איז איצט אין דעם דירעקטאָרן און רעדאקטאָרישן קאָלעגיום פון א סאָציאַל־וויסנשאפטלעכן זשורנאל פאר סאָציאַלער עקספּערימענטאציע, אין וועלכן זי באטייליקט זיך אויך (זי וועט אים צושיקן די נומערן). עריק איז מיט איר, ער האָט שוין ארויסגעגעבן א נאָוועלע. ער שרייַבט איצט א מער ערנסטע ארבעט וועגן די קלאַסעס פון אימפּעריאליזם (ניט א פאָרשונג־ארבעט — אויך פיקציע). ער איז אָבער קראנק. האלב פאראליזירט. זיי געפינען אָבער עפּעס גע־מיינשאפטלעכס און צופרידנשטעלנדיקס אין זייער צוזאמענלעבן. זי האָפט צו הערן פון אים, פון (מיסטער) יאקנעסן, און אז זי וועט זייַן אין ניו־יאָרק און זי וועט האָבן די מעגלעכקייַט, וועט זי ארופקומען, אָדער טרעפן זיך מיט אים אין „עפּיקור״(?)...

ער האָט דעם בריוו געלייענט עטלעכע מאָל. אויך פאר דעם גיין שלאָפן. אָבער ווען ער איז אופגעשטאנען אינדערפרי, האָט ער באם עסן פרישטיק דערפילט פלוצעם עפּעס א מאָדנע שטעכעניש אין היגטערשטן טייל פון קאָפּ און האלדז. ער האָט אָנגעקלונגען דעם דאָקטער. און דער דאָקטער האָט אים געזאָגט, אז אויב ער קען, זאָל ער נעמען א טאקסי און גלייַך קומען אין שפּיטאָל. אויב ניט, וועט ער צושיקן אן אמבולאנס. ער האָט גענומען א טאקסי. דער דאָקטער האָט שוין דאָרט אין שפּיטאָל צוגעגרייט פאר אים א צימער און מ׳האָט גלייַך אָנגע־הויבן צו אונטערזוכן אים: א קארדיאָגראם, אן עקס־רעי; מ׳האָט אויסגעטאפּט, אויסגעקלאפּט יעדן אייווער זייַנעם. ער האָט זיך דערפילט ווי אויסגעמוטשעט. אף דעם צווייטן טאָג אינדערפרי, ווען דער דאָקטער איז געקומען, האָט ער אים ווידער באטראכט און ער האָט אים געזאָגט, אז זייַן בלוט־דרוק איז הויך, אז זייַן צוקער אין בלוט איז א ביסל אריבער די גרענעץ, אז ער וועט דארפן זייַן אין שפּיטאָל א פינף, זעקס טעג. עס איז ניט ערנסט. עס איז אָבער א וואָרענונג פון פּאָטענציעלע געפארן, וואָס לויערן אין דעם קערפּער פון אן עלטערן מענטשן. עס קען זיך מיט דער צייַט ווידערהאָלן... וועט ער ווידער דארפן גלייַך קומען אין שפּיטאָל.

ער האָט שוין, זייַענדיק אין דער היים, יעדן טאָג גענומען טאפּן צי ער פילט אין היגטערשטן טייל פון קאָפּ די מאָדנע שטעכעניש (דער דאָקטער האָט, דאכט זיך, געזאָגט, אז, מעגלעך, אן אָדערל האָט דאָרט געפּלאצט). און זיצנדיק איין אינדערפרי באם טיש און ניט הערנדיק די נייַעס פון דער ראַ־דיאָ, האָט ער גענומען פירן א דיאַלאָג מיט זיך: — מיכל יאקנעס, מע לעבט ניט אייביק. ס׳איז שוין בא דיר שפּעטער ווי דו מיינסט... ס׳האלט שוין נאָענט פון סאָף. נאָענט צו אבסאָליוטער גאָרנישטקייַט. — איז וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן? ווייגען, קלאָגן? — ניין, זייַ רויק. טאפּ ניט דעם קאָפּ בא יעדער בארעכטיקטער און ניט בארעכטיקטער אנאטאָמישער מאניפעסטירונג אין קערפּער. וואָס ווייסטו,

וואָס עס גייט דאָרט אָן אין די אַרטעריעס? ווילסט טאַקע די עטלעכע איבערגע־בליבענע יאָרן אָפּלעבן אין שרעק? — ניין.

ער האָט געשמייכלט. מיטאַמאָל אופגעהויבן זיך. געשטאַנען א ווײַלע טראַכטנ־דיק. צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן. געעפנט דאָס טעלעפאָן־ביכל. גענומען דרייען דאָס רעדל:

— האַלאָ... קען איך ריידן צו מיסטער קוירטמאַן?.. האַלאָ... מיסטער קוירט־מאַן? דאָס איז מיסטער יאַקנעס... יע... יע... א לאַנגע צײַט ניט גערעדט צו אײַך. איז געקומען די צײַט... ווען קאָן איך אײַך זען?.. מאָרגן צוויי אַזייגער, גוט, גוט. איך וועל זײַן אין אָפּיס פּונקט צוויי אַזייגער. גודבײַ.

ער האָט מיטאַמאָל דערפילט ווי מיט עפּעס דערהויבן. געזעסן דערנאָך אין שטול א ציטערדיקער קימאַט פון די אָנגעלאָפענע געדאַנקען און עמאָציעס. דער־נאָך אופגעהויבן זיך, צוגעגאַנגען צו זײַן שרײַבטיש. אוועקגעזעצט זיך. אַרויסגע־נומען פּאַפּיר, קאָנווערטן, די פּען. געטראַכט א ווײַלע און גענומען שרײַבן צום ערשטן א בריוו, אַן ענטפער צו עלגאַן.

אויף דעם צווייטן טאָג, פּונקט צוויי אַזייגער, איז ער שוין געזעסן אין קוירט־מאַנס אָפּיס. געהאַלטן צווישן די פינגער א ניט־אָנגעצונדענעם סיגאַרעט.

— איר שטעלט זיך פאָר, איסטאַמע, צוליב וואָס איך בין געקומען. — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, מיסטער יאַקנעס. איך שטויס זיך אָן. כ׳האָב זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס און צוליב וואָס איר וואַרט אַזוי לאַנג.

— אָט באַלד וועט א שלאָג טאָן אכט און אכציק. ניט שלעכט, האַ? ס׳איז א גאַנץ לאַנגער וועג, וואָס איך בין אָפּגעגאַנגען.

— און ס׳איז געווען א גאַנץ שיינער וועג, ביז הונדערט און צוואַנציק, מיסטער יאַקנעס.

— איר זענט דער איינציקער, וואָס ווייסט, וואָס איך פאַרמאָג.

— איך טראָג עס ניט אפן קאָפּ, אָבער אַז איך קוק אַרײַן אין די ביכער, ווייס איך.

— וויל איך טאָן עפּעס מיט דעם, ווײַל אַנדערש קאָן עס אַרײַנפאַלן צו „אָנקל סעם״.

— ריכטיק. איז וואָס... ווען האָט איר אין זינען? איר האָט קרובֿים?

— קיינעם.

— קיינעם? אַבסאָליוט קיינעם? עס גלייבט זיך קוים. זײַנען, הייסט עס די יידישע אינסטיטוציעס די מאַזלדיקע.

— הממ... איינציקע, א פּאָר. די דאָזיקע, וואָס נייטיקן זיך און וואָס זײַנען עס ווערט. כ׳האָב דאָ מיט זיך דאָס גענויע צעטל, וואָס כ׳האָב נעכטן געמאַכט. — האָט ער אַרויסגענומען פון דער בוזעם־קעשענע א קאָנווערט און אַנידערגעלייגט אים לעבן קוירטמאַנען. — אָבער, אין דער זעלבער צײַט טראַכט איך, אַז ווען עס

קומט צו די אלע אינסטיטוציעס, לייגן זיי זיך אויס אין מײַן מויעך, ווי אבסטראקציעס. איך ווייס... איך ווייס... עס איז מער פּראקטישער, מער אָנזען, מער ווערטפול, אזוי צו זאָגן, ווען עס פאלט אריַין צו א געזעלשאפט, צו א קאָמונאַלער, אזוי צו זאָגן, צו א קולטור־אינסטיטוציע. פאר מיר איז עס אָבער פאָרט א מין אבסטראקציע. האָב איך עפּעס־וואָס געלאָזט.

— איר מיינט, איר האָט גאָר עמעצן, צי עפּעס אנדערש אין זינען?

— יאָ. עס גייט מיר ניט אין עפּעס אן „אומשטערבלעכער" אנערקענונג. עס ווילט זיך דערפילן אין זיך די... ווארעמקייט פון געשאנק פון מענטש צו מענטש, די זעלבסטפרייד, וואָס גייט און קומט פון נעשאָמע צו נעשאָמע... די טראכטעניש פאר דעם, וואָס קומט מיט אופגעלויכטענער פרייד...

— איך ווייס, אז איר האָט ניט קיין אומבאוועגלעכע פארמעגנס, ווי הײַזער. אלעס איז בא אײַך אינוועסטירט אין אקציעס. איז וואָס האָט איר אין זינען?

— לאָמיר אָנהייבן פון די קלייניקײַטן. מײַן אפּארטאמענט איז א געדונגענער. אָבער אלעס, וואָס עס געפינט זיך אין אים: מעבל, בילדער, טעפּיכער, קליידער, געפעס, זילבערווארג, טעלעוויזאָר, מיט איין וואָרט — אלעס באוועגלעכע לאָז איך איבער צו קאני מודי. א שווארצע פרוי, וואָס ארבעט שוין יאָרן בא מיר. זי קאָן טאָן, וואָס זי וויל דערמיט. איר האָט דאָ אין דעם קאָנווערט איר נאָמען און אדרעס.

— זייער, זייער ברייטהארציק, מיסטער יאקנעס.

— דאָס איבעריקע וועל איך אויך מאכן קורץ און קאָנקרעט. איך האָב אין זינען א צענדליק פון מײַנע סערטיפיקאטן, מײַנע אקציעס אין „וואָלסטריט" — אלעס אין מײַן וואָלט־קעסטל אין דער באנק. דאָ אין דעם קאָנווערט האָט איר דעם נאָמען און אדרעס פון א פּערזאָן, פאר וועמען איך לאָז דאָס אלעס איבער. איר וועט אויסמאכן אלע נייטיקע פּאפּירן. און ווען זיי וועלן זײַן פארטיק, וועט איר מיר אָנקלינגען, וועל איך קומען אונטערשרײַבן זיי. אײַערע צוויי סעקרעטארנס וועלן קענען זײַן די איידעס.

— עס וועט נעמען עטלעכע טעג און מיר וועלן האָבן די פּאפּירן פארטיק. דעם עמעס זאָגנדיק, אינטערעסירט מיך שטארק די פּערזאָן, וועמען איר לאָזט איבער אזא באדײַטנדן פארמעגן. וואָס איז זײַן, צי איר נאָמען.

— עלגא דזשאנסען. דזשאנסען, ניט דזשאנסאָן. עלגא דזשאנסען.

— ווער איז זי? וואָס איז זי צו אײַך? — האָט קוירטמאן מיט פארוואונדערונג א קוק געטאָן אף אים.

— א פרײַנט.

— פון... מיט יאָרן צוריק מיסטאמע? ווי אלט איז זי?

— איצט... א יאָר דרײַסיק.

א טאָכטער עפּשער — האָט קוירטמאן א טראכט געטאָן און א פרעג געטאָן:

— פארהייראט?

— ווינט מיט א מאן „קאמען לאָו" אומפארהייראטערהייט.

קוירטמאן האָט א ווײַלע געקוקט אף אים מיט א מאָדנעם אויסדרוק אף דעם פּאָנעם און געזאָגט:

— איך פארשטיי ניט, מיסטער יאקנעס... ווער איז זי... אזא יונגע. וואָס פאר א שײַכעס האָט איר צו איר און זי צו אײַך?

— וועט עס אײַך באפרידיקן, אויב איך וועל אײַך זאָגן, אז זי איז א מאמזער? — האָט ער ווי געלייענט קוירטמאנס געדאנקען. — די טאָכטער פון מײַנער א שוועדישער געליבטער.

— איר שפּאסט.

— מוז איך אָנווײַזן, וואָס פאר א שײַכעס זי האָט מיט מיר? דאָס געזעץ פּאָדערט עס? טוט מען דאָס, ווען מע לאָזט יערושעס פאר קעץ, פאר הינט?

— ניין.

— איז לאָמיך אײַך זאָגן, מיסטער קוירטמאן, מײַן פרײַנט: זי איז א מענטש, וואָס איז געוואָרן מענטשלעך נאָענט צו מיר. און איך בין פאראינטערעסירט, אז זי זאָל אויסלעבן אירע שיינע, פּראָדוקטיווע יאָרן אָן די מאטעריעלע זאָרגן און פּראָבלעמען, וואָס דאָס לעבן דאָ שאפט.

— דאָס טרעפט דאָס ערשטע מאָל אין מײַן פּראקטיק. כ'האָב געמיינט, אז איך קען אײַך, מיסטער יאקנעס... און פּלוצעם דערשײַנט איר פאר מיר אין אזא מאָדנעם ליכט.

— איר מיינט א מין לעץ?

— ניין, ניט א קאָמישע פיגור — פארקערט, עפּעס אויסערגעוויינלעכס.

— גוט, איצט פארשטייען מיר זיך. וועט איר אויסמאכן די צוואָע, אז ס'זאָל ניט זײַן קיין שום אומגעזעצלעכע דריידלעך. א צוואָע, וואָס איך מאך בא מײַן פולן געזונט און פולן פארשטאנד.

— איר מעגט זײַן זיכער אין דעם.

— גוט. — האָט ער זיך אופגעהויבן און געגעבן קוירטמאנען די האנט.

ער איז אהיים געקומען ווי א באפרײַטער פון עפּעס א יאָך. אינאָוונט, נאָך דעם מאָלצײַט, האָט ער אָנגעשטעלט די ראדיאָ און צוגעהערט זיך צו גריגס פיאנאָקאָנטשערטאָ, און הערנדיק די קאָנטשערטאָ, האָט ער געטראכט: דער נאָרוועגער גריג און די שוועדן עלגא זײַנען דאָך אזעלכע נאָענטע שכיינים אף זייער סקאנדינאווישן האלב־אינדזל. און מיר, ייִדן, דארפן גוט געדענקען די הילף, וואָס זיי האָבן אונדז געגעבן בא ראטעווען אונדז פון דער נאצישער מאגייפע... האָב איך הײַנט איבערגעלאָזט מײַן מאטאָנע צו א טאָכטער פון שוועדישן פאָלק... זאָל עס איר וויל באקומען... בא... מ'קען שווערן, אז קוירטמאן איז זיכער, אז זי, עלגא, איז זײַנע, מיכל יאקנעסעס א טאָכטער... א מאמזער... בא...

טשיקאגאָ, 1972

„נומער דרײַצן“

סע גלוסט זיך מיר דערציילן גראָד וועגן א נאכט, וואָס איז אויסגעפאלן אין א פרײַטיק, דעם דרײַצנטן און ס׳איז גראָד געווען אן אָנגענעמע, שטימונגספולע, און סע ווילט זיך אפילע זאָגן, אן אינטערעסאנטע נאכט. ווי עס איז צו דערווארטן פון א דערציילער, וועלן מיסטאמע ניט פעלן בא מיר די פיקטיווע פליטערלעך, פון וועלכע א שרײַבער קאָן זיך אויסהיטן.

עס איז געווען פרײַטיק, דעם דרײַצנטן, ווען איך האָב געקויפט א באן־בילעט פון ניו־יאָרק קיין טשיקאגאָ. און געבנדיק א קוק אף דעם בילעט, האָב איך דערזען, אז דער נומער פון מײַן פלאץ איז דרײַצן, און דרײַצן, גלייבט מען דאָך, איז א ניט־מאזלדיקער נומער. איך, פארשטייט זיך, האָב רעאגירט אף דעם צופאל מיט א שמייכל, וואָרעם דער טײַוול אין אונדזערע צײַטן איז אָנגעלאָדן מיט וויכטיקערע פראָבלעמען, ווי צו פארנעמען זיך מיט אן עלטערן יידישן שרײַבער, צו שרעקן מיך, צי טאקע באשטראָפן מיך (פאר וואָס און פאר ווען?) מיטן נומער דרײַצן.

ס׳איז געווען קימאט אין אָונט שוין — א ווינטערדיקער אָונט. אין וואגאָן איז געווען האלב־טונקל. דאָ און דאָרט האָבן זיך נאָך געשלעפט מענטשן מיט וואליזעס, זוכנדיק זייערע ערטער. ס׳האָט מיר ניט גענומען לאנג, און איך בין צוגעקומען צו מײַן פלאץ און דערזען, אז באם פענצטער, אף דעם פלאץ נומער פערצן, זיצט א פרוי אין א טונקל קלייד מיט לאנגע ארבל, פארשפיליעט ביזן האלדז. קורץ־געשוירענע האָר, דאָס פּאָנעם קײַלעכדיק, א קורצע נאָז, שמייכלענדיקע ליפּן. אפילע אין דער האלב־טונקלקײַט האָב איך דערזען אירע ליכטיק־בלויע סימפּאטישע אויגן, וואָס האָבן, איך ווייס ניט פארוואָס, אויסגעקוקט זייער באקאנט.

דער צוג האָט זיך גערירט. מיר האָבן דערהערט און דערפילט דעם כאראקטעריסטיש מאָנאָטאָנעם ריטם פון די רעדער. איך געדענק ניט, ווער פון אונדז עס האָט אָנגעהויבן דעם שמועס. דאכט זיך, אז זי, וואָרעם איך בין פון דער נאטור א שווײַגנדיקער. כ׳בין צופרידן, ווען מע טשעפּעט מיך ניט, איבערהויפּט אף א רײַזע (כ׳מוז צוגעבן, אז ניט אלעמאָל. איבערהויפּט, ווען עס קומט צום שיינעם, סימפּאטישן מין). זי האָט מיך געפרעגט, ווי ווײַט איך פאָר. האָב איך איר געזאָגט — קיין טשיקאגאָ.

— אָ! — האָט זי באמערקט, — איך שטעל זיך אָפּ אין טשיקאגאָ אף א פּאָר שטונדן, דארף דאָרט בײַטן מײַן באן קיין קאליפאָרניע.

האָב איך זי געפרעגט, צי זי וווינט אין קאליפאָרניע.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט, — ניט ווײַט פון לאָס־אנדזשעלעס. שוין א פופצן יאָר קימאט.

א געבוירענע איז זי אין לאָנג־איילאַנד, וווּ עס וווינען נאָך איצט אירע על־טערן, און יעדעס יאָר, ווען זי האָט וואַקאַציע, פאָרט זי צו זיי.

איך האָב איר געזאָגט, אַז זי קוקט אויס סלאַוויש. סלאַווישע שטריכן, וואָס זײַנען מיר שטאַרק באַקאַנט. ניין, — האָט זי אַ שמייכל געטאָן. זי איז גראָדע האַלב־שאָטלענדיש און האַלב־אירלענדיש. דער פֿאָטער — אַ שאָטלענדער, די מאַמע — אַן אירלענדערין.

רעדנדיק וועגן זיך, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי איז אַ לערערין אין אַ שול, וווּ מע פֿאַרנעמט זיך מיט שלעכט־דערצויגענע, פֿאַרברעכעריש־גענייגטע קינדער אין עלטער פֿון אַכט, צען און צוועלף יאָר. די שול איז, אייגנטלעך, אַ פֿאַרצווייגטער קאָמפּלעקס מיט באַזונדערע אָפּטיילונגען. זי שטייט באַם סאַמע ברעג פֿון פּאַציפֿיק, און דער קלימאַט דאָרט איז אַן אויסגעצייכנטער.

— עס מוז זײַן זייער אינטערעסאַנט און אין דער זעלבער צײַט זייער שווער צו זײַן אַ לערערין אין אַזאַ שול, — האָב איך געזאָגט, — מע מוז אַוודאי זײַן אויך אַ גוטער פּסיכאָלאָג, וויסן ווי אָנצוגיין מיט די קינדער, ווי צו קאָנטראָלירן זיי, ווי צו געווינען זייער צוטרוי.

— אין אַ געוויסן זין, יאָ, — האָט זי געענטפֿערט, — און עס געלינגט מיר אויך, און איר זײַנט גערעכט: ס׳איז שווער, אָבער פֿאַרכאַפּנדיק אינטערעסאַנט צוצוקוקן צו די יונגע נעשאָמעס... ווילדע, פֿאַרביטערטע נעשאָמעס.

— עס זײַנען מיסטאָמע פֿאַראַן דאָרט נאָך לערער, כוץ אײַך? — האָב איך געפֿרעגט.

— אָ, יאָ, — האָט זי געענטפֿערט. — און אויך אַ דאָקטער. אַ ייִדישער דאָקטער. איך אונטערשטרײַך — „אַ ייִדישער”, ווײַל ייִדישע דאָקטוירים, דאַכט זיך מיר, זײַנען די בעסטע דאָקטוירים, און איר אַליין זײַנט דאָך אויך אַ ייִד...

— יאָ, איך בין אַ ייִד.

— איר האָט אַ מישפּאָכע אין טשיקאַגאָ?

— יאָ, — האָב איך געענטפֿערט, — פֿאַרהייראַט.

— איך בין ניט פֿאַרהייראַט, — האָט זי מיט עפּעס אַ געהיימען שמייכל אַ זאָג געטאָן. — כאָטש איך בין געווען אַמאָל אָנגאַזשירט, אַזוי צו זאָגן. ס׳איז גוט, ווען מע געפֿינט די ריכטיקע פּערזאָן פֿאַר דעם צוזאַמענלעבן.

— יאָ, — האָב איך אײַנגעשטימט, — כ׳האָב געטראָפֿן די ריכטיקע פּערזאָן. מיר זײַנען ביידע גענייגט קינסטלעריש, נאָענט צו קינסטלערישע אַספּעקטן פֿון דעם לעבן, כאָטש, ווי עס טרעפֿט, און ווי עס איז אומפֿאַרמײַדלעך, זײַנען מיר אין געוויסע אַספּעקטן אויך זייער קאָנטראַסטיש.

— זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, — האָט זי געזאָגט. — יעדער אינדיווידואום טראָגט מיט זיך זײַנע באַזונדערע נייגונגען, געשמאַקן און אויסדרוקן, און צוויי מענטשן קאָנען ניט אָפּשפּיגלען זיך אין לעבן, ווי איין פּערזאָן אין אַ שפּיגל. און דאָס קאָנטראַסטישע איז גראָדע אָפֿט דאָס צוציִענדיקע.

— כ׳האָב זיך אויך איבערצײַגט, אז דאָס קאָנטראַסטישע, און די לעבנס־אָנשווינגען. און די לעבנס־פילאָסאָפיע, און אָפט אפילע די טיפע כאַראַקטער־שטריכן, קאָנען גיין פאַראַלעל, אויב די מענטשן זײַנען טאָלעראַנט גענוג און אין א געוויסן זין, אין א געוויסער מאָס פסיכאָלאָגן.

— איך דענק אויך אזוי. אויב מע איז טאָלעראַנט און מע קאָן באַנעמען די באַגערן, די שטרעבונגען, די טרוימען און די קאָמפּלעקסן פון מענטשלעכן דראַנג צו אינדיווידועלן אויסדרוק און צו געוויסער אינדיווידועלער פרײַהײַט, קאָן מען לעבן פאַראַלעל, ווי איר זאָגט עס. סע בלײַבט אָבער בלויז די טעאָרעמע: באַ פאַראַלעלע ליניעס איז ניטאָ קיין פונקט, וווּ זיי זאָלן קאָנען זיך צוזאַמענקומען, ווי ווײַט דער פאַראַלעליזם זאָל ניט גיין. אָבער... ווי איר זאָגט, זײַנט איר דאָך ביידע נאָענט צו קינסטלערישע און, זיכער אויך, גײַסטיקע אספעקטן פונעם לעבן, און דאָס מיינט א סאך, זייער א סאך.

— יאָ, — האָב איך אײַנגעשטימט. — מיר זײַנען נאָענט אפילע מיט אונדזערע קאָנטראַסטישע כאַראַקטער־שטריכן. איך בין, דאַכט זיך מיר, שוין אן אָנגעזעטיקטער, אזוי צו זאָגן, מיט געזעלשאַפטלעכע טעטיקײַטן, מיט די אלע ראַשיקע, צערעמאָניאַלע לאָקנדיקע איליוזיעס פון דעם שטראָמיקן לעבן. איך האָב ליב באַקומען די אָפּגעזונדערטקײַט, די שטילקײַט. בוך, מוזיק, קרעאַטיוויטעט, וואָס איז אליין פאַר זיך די עסענץ פון לעבן. איך בין אן אינטראָווערט, א פּעסימיסט אפילע, און... כא... דאָס, וואָס איך האָב אײַך דאָ דערציילט וועגן זיך, איז, ווי איר זעט, ניט אזוי אינטראָווערטיש. — האָב איך גלאַט פאַרגעסן זיך און גערעדט, ווי צו זיך אליין.

— עס אינטערעסירט מיך גראַדע זייער, — האָט זי געזאָגט און א פרעג געטאָן: — און אײַער פרוי?

— זי איז אן עקסטראָווערט. א גרויסער אָפּטימיסט, האָט ליב געזעלשאַפט און איז שטאַרק צוגעבונדן צום פּולס, צום ריטם, צו אלע מאַניפעסטירונגען פון דעם לעבן, וואָס שלעפּן און פאַרשלעפּן.

— ווי איך פאַרשטיי, פירט איר ביידע אן אינטערעסאַנט לעבן...

— יאָ. אין א סאך הינזיכטן. איך זאָג א סאך... ווײַל אמאָל קאָנען בלויז אייניקע אטריבוטן זײַן א סאך... זייער א סאך.

מיר האָבן געשוויגן א ווײַלע. כ׳האָב געזען, ווי זי קוקט אף מיר מיט איר אָפענעם בלויען בליק. ס׳וואָלט גוט געווען צו וויסן, וועגן וואָס זי טראַכט.

— איר ווייסט... — האָב איך א זאָג געטאָן, — מיר דאַרפן דאָך דאָ פאַרברענגען גאַנצע אכצן שטונדן אין וואַגאָן, ווען מיר, מער אָדער ווייניקער, ווערן היימישע מענטשן. דעם עמעס זאָגנדיק, איז מיר שווער צו פאַרבינדן באַקאַנטשאַפטן. כ׳וויל אָבער, איר זאָלט וויסן, וואָס פאַר א געדאַנק עס איז ערשט דורכגעלאָפן אין מײַן מויעך. עס איז באַוווּסט, ווי מענטשן זײַנען אָבערגלויבעריש.

מ׳האָט מוירע צו גיין אונטער א לייטער; מע שרעקט זיך, ווען א קאַץ, אָדער עמעצער מיט ליידיקע עמערס שניידט איבער דעם וועג...

— און א פרייטיק, וואָס פאַלט אויס דעם דרייצנטן, איז א שלימאזלדיקער טאָג... — האָט זי א שמייכלענדיקע אונטערגעזאָגט.

— און ווען, צו דעם אַלעמען, קריג איך נאָך א בילעט נומער דרייצן, — האָב איך גענומען לאַכן, און זי צוזאמען מיט מיר.

— און איר זיינט זיכער, אַז דאָס איז שוין אַלעס? — האָט זי נאָך שטאַרקער געלאַכט. — איך האָף, אַז איר זיינט ניט אָבערגלויבעריש.

— וויאזוי קאָן איך זיין אָבערגלויבעריש, — האָב איך געזאָגט, — ווען מיט אַלע דרייצנס טרעף איך לעבן זיך אַזא סימפּאַטישע, אינטערעסאַנטע און יונגע קאָמפּאַניאָנקע!

— נו, איר איבערטרייבט שוין א ביסל. איך בין ניט אינטערעסאַנט, און איך ווייס ניט ווי סימפּאַטיש. און איך בין ניט יונג. ס׳איז מיר שוין פערציק.

— איך גלייב ניט, — האָב איך געזאָגט, — איך באַשטיי אַף דעם איינדרוק, וואָס איר האָט געמאַכט אַף מיר. איר קוקט אויס ווי א פרוי אין די דרייסיקער.

— לאָמיר בעסער ריידן וועגן אָבערגלויבנס. — האָט זי א ביסל ערנסט געזאָגט, — מיט אָט אַ־די אומשולדיקע אָבערגלויבנס קאָן מען נאָך לעבן. מע קאָן זיי אוועקשאַרן מיט דער האַנט. וואָס טוט מען אָבער מיט די טיפע אָבערגלויבנס, ווי, אַשטייגער, די אָבערגלויבנס, וואָס טיילן אָפּ אַזוי שאַרף די ווייסע און די שוואַרצע; די אָבערגלויבנס וועגן ייִדן... ראַסע קעגן ראַסע, נאַציע קעגן נאַציע!

— איר זיינט גערעכט, און נאָך ווי גערעכט. — האָב איך געזאָגט, — און צו אַלע מיינע אייערע, זע איך, אַז איר זיינט א ליבעראַלער מענטש.

— א מענטש, — האָט זי געזאָגט אין ייִדיש און האָט זיך שטיל צעלאַכט.

איך האָב א פאַרוווּנדערטער א קוק געטאָן אַף איר.

— איך זע, איר וווּנדערט זיך, — האָט זי געזאָגט.

— יאָ. עס איז אַזוי פלוצעמדיק.

— דער ייִדישער דאָקטער, וועגן וועלכן איך האָב אייך פריִער דערציילט, וואַרפט אַמאָל אַריין ייִדישע ווערטער, ווען ער רעדט מיט מיר. כ׳האָב זיך א סאַך ייִדישע ווערטער אויסגעלערנט. אָט זאָגט מיר, צי איך רעד זיי אַרויס ריכטיק: שלימאזל... שיקסע... קיביצער... מאזלטאָוו... באַרמיצווע... קאָשער... כוצפּע... צימעס... אָבער דאָס שענסטע און טיפסטע ייִדישע וואָרט, האָט ער מיר געזאָגט, איז „מענטש״. מע קאָן, זאָגט ער, אַזויפיל אַריינטייטשן און אַזויפיל זאָגן מיט דעם וואָרט! איך האָב דאָס וואָרט „מענטש״ געהערט פון אים מיט אַלע אינטאָנאַציעס.

אונדזער שמועס האָט זיך געוויקלט לאַבירינטיש פון באַמערקונג צו באַמערקונג, ווי א געשפּרעך צווישן צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך ערשט באַקאַנט און

ער ציט זיך דורך די פּאַרנאַכטיקע שטונדן אין אַ צוג, וואָס שלענגלט זיך איבער די שניי־באַדעקטע פעלדער.

זי האָט אַרויסגענומען פון איר טאַש אַ פּאָר סענדוויטשעס און געבעטן מיך נעמען איינעם. און איך האָב דערנאָך אַרויסגענומען פון מײַן פּאָרטפעל צוויי עפּל און איר געגעבן איינעם. און ס׳איז געלעגן אויף מײַן צונג די פראַזע: עס וואָלט געווען עפּשער אינטערעסאַנטער און נאַטירלעכער, ווען איר גיט מיר אַן עפּל... אָט ווי כאַווע האָט עס צוגעטראָגן אָדאַמען. איך האָב עס אָבער ניט געזאָגט. ס׳וואָלט געווען אַ שוין צו אינטימע שפּיל מיט אַזאַ סימבאָלישער פראַזע.

מיר האָבן געשוויגן אַ ווײַלע. דער קאָנדוקטאָר האָט קאָנטראָלירט די בילעטן. ערגעץ הינטער אונדז האָט זיך אַ קינד צעוויינט. דער באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף פינף מינוט בײַ אַ סטאַנציע. זי האָט אַרויסגענומען פון איר טאַש אַ ביכל, און אַ בוך ציט שטענדיק צו מײַן אויפמערקזאַמקייט ווי אַ מאַגניט. דערזען: „טרעבלינקע״ פון זשאַן פראַנסואַ סטיינער. כ׳האָב דעם בוך גראָד געלייענט. האָב איך אַ פרעג געטאָן ווי דאָס בוך געפעלט איר.

— מע קאָן ניט זאָגן, אַז אַזאַ בוך געפעלט. אַזאַ בוך דערשיטערט, — האָט זי ערנסט געענטפערט. — ס׳איז וועגן מענטשן, וואָס האָבן געגעבן דער מענטשהייט מאָנאָטעיזם און די ביבל, און וועגן מענטשן אָן גאָט אין הארצן. ס׳איז שרעקלעך.

— איך האָב דעם בוך געלייענט, און טאַקע ניט לאַנג צוריק, — האָב איך געזאָגט, — און איך געדענק די ווידמונג פונעם אויטאָר אויף דעם ערשטן בלעטל. די ווידמונג האָט מיך געטריבן צו פאַרטראַכטן זיך...

— יאָ, יאָ, — האָט זי אונטערגעהאַלטן און געעפנט דעם טאָוול. גענומען לייענען: „צום אָנדענק פון קאַרמי קאַהען, וועלכע האָט מיר געגעבן דאָס לעבן, און צו אַזיאַס סטיינער, וועלכער האָט מיך געלערנט עס ליב האָבן״. בעעמעס, ס׳איז טיף און וווּנדערלעך געזאָגט. מע דאַרף ליב האָבן דאָס לעבן מיט אַלע קושיות... אָבער איך ווייס ניט, וויאַזוי מע קאָן לערנען אַ מענטשן ליב צו האָבן.

— דאָס לעבן אַליין, ווײַזט אויס, איז דער לערער, — האָב איך געזאָגט. — דער לערער וואָלט באַדאַרפט אָנווײַזן אויף דעם גוטן, אויף דעם ווערטפולן. אָבער דער אויטאָר פון דעם דאָזיקן בוך האָט, דאַכט זיך, געוואָלט אונטערשטרײַכן, אַז מע דאַרף אַזוי שטאַרק ליב האָבן דאָס לעבן, אַזוי שטאַרק, און מיט אַזאַ לײַדנשאַפט, אַז מע זאָל גרייט זײַן מאַקריוו צו זײַן אַלץ צוליב דעם לעבן. מאַקריוו זײַן מאָראַל, עטיק, געוויסן, גלויבן... זײַן גרייט אויפצונעמען דערנידערונג, אָפּמעקן דעם ווען מענטש אין זיך, אַבי צו בלײַבן לעבן. וואָרעם בלײַבן לעבן — הייסט זיגן. און דער גײַסט, דער מענטש ווערט ווידער געבוירן, ווערט ווידער מענטש, אָפּט נאָך מער געלײַטערטער. אָט אַזוי האָבן עפּשער געטראַכט די מענטשן אין טרעבלינקע... עפּשער ווערט מען בלײַבן לעבן. עפּשער. און מיט דער דאָזיקער האָפענונג האָט מען זיך אונטערגעוואָרפן צו אומענטשלעכע דערנידערונגען, וואָס האָבן, ליידער, ניט אַלעמען געהאָלפן.

— די מערדער... די מערדער...— האָט זי שטיל געזאָגט.— ווי בלינד, ווי פאַרפירט זיי זײַנען... פאַרשיקערט פון האַס... זיי ווייסן ניט, וואָס זיי טוען און וואָס זיי האָבן געטאָן, אַזוי ווילט זיך זאָגן, ווי יעזוס האָט געזאָגט...

— מיר קענען גרויסע, באַרימטע מענטשן, דיכטער, שרײַבער, שטאַטסלײַט, און זיי האָבן געוווּסט, וואָס עס ווערט געטאָן, און זיי אַליין האָבן אויך געלעבט מיט האַס, מיט מאָרד, מיט באַוווּסטזיניקן גענאָציד, און נאָך איצט ווייסן זיי זייער גוט, וואָס זיי ווילן און וואָס זיי טוען.

— זיי זײַנען אויך פאַרשיקערט. גאָט וועט זיי באַשטראָפן, ווי ער האָט אַלע מאָל באַשטראָפט די דאָזיקע מענטשן און אַפילע פעלקער.

דאָ האָב איך אַ קוק געטאָן אויף איר אַ פאַרוווּנדערטער. כ'האָב ניט דערוואַרט פון איר די פאַרגלייבטע אומלאָגישע פראַזע. צוליב וואָס ענטפערן איר אויף דעם, איז דורכגעלאָפן אין מײַן מוֹיעך. צוליב וואָס אָנרירן איר גלויבן, אויב זי גלייבט. כ'האָב שטענדיק פּרובירט אָפּשוועַגן און ניט ענטפערן, ווען דער נאָמען גאָט איז געבראַכט געוואָרן ווי אַן אַבסאָליוטער אקסיאָמאַלער שויפעט אין דעם פּראָצעס פון לעבן. דאָך האָט מיך עפּעס אַ שטופּ געטאָן (עפּשער דער טײַוול), און איך האָב געזאָגט:

— ווען גאָט וואָלט געקאָנט און וואָלט געוואָלט באַשטראָפן, וואָלט ער די גאַנ־צע וועלט באַדאַרפט פאַרניכטן, די גאַנצע מענטשהײַט אָפּווישן; דערפירן די ערד צום צושטאַנד, ווי די לעוואָנע איז — אָן לעבן און פאַרשטיינערט. איז עס אָבער אונדזער מאַזל. ער וועט אונדז ניט פאַרניכטן, וואָרעם וואָס וואָלט גאָט געטאָן אָן דער מענטשהײַט? וואָס וואָלט ער געווען? און וואָס וואָלט ער געטאָן אָן דעם מענטשנס טפילעס און אָן זײַנע לויב־געזאַנגען?

זי האָט געקוקט אויף מיר מיט איר מאָנאַ־ליזאַ־שמייכל און ניט געענטפערט. מיר האָבן געשוויגן אַ ווײַלע. כ'האָב געמיינט, אַז זי קלײַבט זיך לייענען, האָב איך ניט געוואָלט שטערן. זי איז געזעסן אַ פאַרטראַכטע, און איך האָב דערזען, אַז זי קוקט אויף מיר.

— איר ווייסט, — האָט זי געזאָגט, — קוקנדיק אויף אײַך, ווי איר זעט אויס, און אורטיילנדיק לויט אײַער בעזונדערער מאַניר צו ריידן, אויסדריקן די גע־דאַנקען, דאַכט זיך מיר, אַז איר זײַנט אַ שרײַבער, צי אַ מוזיקער. איר האָט דערמאָנט אײַער נאָענטקײַט צו קונסט...

— איך בין אַ שרײַבער, — האָב איך געזאָגט מיט דער גאַנצער באַשיידנקײַט, וואָס איך האָב אין דעם מאָמענט געקאָנט מאָביליזירן אין זיך.

— יאָ? — האָט זי פריידיק אַ שמייכל געטאָן.

— איר זײַנט אַ גוטער פּסיכאָלאָג.

— איר אַליין האָט מיר אונטערגעהאָלפן אין דעם. עס וואָלט זיך געוואָלט לייע־נען אײַך. וועגן וואָס שרײַבט איר?

— פיקציע. דערציילונגען, דראַמען. אין יידיש.

— ס׳וועט פאר אײַך אויסקוקן מאָדנע מײַן פארלאנג. ס׳וואָלט זיך מיר געוואָלט האָבן אײַערן א בוך אפילע אין יידיש. מײַן פרײַנט, דער דאָקטער, וואָלט עס פאר מיר געלייענט און איבערגעזעצט.

— אײַער ווונטש וועט ווי דורך א קישעף פארווירקלעכט ווערן, — האָב איך זיך, איך ווייס ניט פארוואָס, דערפרייט. — איך האָב מיט זיך איינעם פון מײַנע ביכער, וואָס איך האָב צופעליק געפונען בא מײַן פארשטאָרבענעם ברודער אין הויז. קיינער וואָלט דאָרט דעם בוך שוין קיינמאָל ניט געלייענט, האָב איך אים מיטגענומען מיט זיך. איך וועל אים אײַך געבן. איך האָב א פאָרגעפיל, אז גראָד בא אײַך וועט מײַן בוך געפינען א גוטע אָפּשאצנדיקע היים.

— א דאנק, א דאנק, — האָט זי זיך אויך דערפרייט. — וואָס איז דער נאָמען פונעם בוך?

— „די זון אין מיזרעך". דער נאָמען איז סימבאָליש.

— ווי איך פארשטיי, זײַנט איר פארוויקלט אויך אין די סאָציאַל־פּאָליטישע אידייען, ניט קוקנדיק אף אײַער נייגונג צו שטילער, שעפערישער אטמאָספער און צו מעדיטאציע, ווי איר האָט פריִער געזאָגט.

— יאָ, טאקע אין די שטילע, מעדיטאטיווע שטונדן ווער איך געפירט צו די קוואלן פון שעפערישקײַט און אָפּט גראָד וועגן קאמפן און מאקאברישע טאטן.

— און, ווי איך האָב שוין געהערט, זײַנט איר ניט רעליגיִעז.

— ניין.

— איר ווייסט... איך האָב אויך פרובירט שרײַבן. עס ציט מיך.

— שרײַבט מען, — האָב איך געייצעט. — איר האָט גוטן מאטעריאל ארום זיך. איך בין זיכער, אז דאָרט, אין אנשטאלט, איז פאראן א גאנץ בינטל מענטשלעכע פסיכאָלאָגישע טעמעס.

— גאנצע סנאָפּעס, — האָט זי ערנסט געזאָגט. — איך וואָלט געשריבן, ווען איך וואָלט געהאט לעבן זיך, אָדער ארום זיך, איינעם ווי איר... צו ריידן, צו ווערן אינספּירירט.

— דאָס פרייט מיך צו הערן, — האָב איך געזאָגט. — אָבער... איך בין זיכער אז איר לייענט גוטע ביכער. זיי אינספּירירן.

— דאָס איז עמעס. וויל איך טאקע האָבן אײַער בוך.

זי האָט פארמאכט די אויגן, און איך בין געזעסן מיט געמישטע געדאנקען, וואָס האָבן זיך גענערט מיט סורעאליסטישע אימפּרעסיעס, צי שטימונגען פון דעם גערעדטן אונטער דעם ריטם פון די באן־רעדער.

ס׳איז אוועק א שטיק צײַט. ווידער און אָפּשטעל בא א סטאנציע. כ׳האָב א קוק געטאָן אפן האנט־זייגערל. ס׳איז שוין געווען נײַן אין אָוונט. צען אין אָוונט, האָב איך געוווסט, לעשט מען אויס די עלעקטרישע ליכט און מע גרייט זיך צום שלאָף.

זי האָט זיך אופגעהויבן פון איר פלאַץ, ארויסגענומען עטוואָס פון איר טאַש און געלאָזט זיך גיין צום וואשצימער. איך האָב געטאָן דאָס זעלבע. ווען איך בין צוריקגעקומען, האָב איך זי שוין געטראָפן אף איר פלאַץ, מיט א געקעסטלטער ברוינער שאַל ארום די אקסלען. און נאָך א האַלבע שאָ איז אוועק. מ'האָט פאַר־לאָשן די עלעקטרישע לעמפלעך. בלויז איין לעמפל האָט געלויכטן באַם סאָף פון וואַגאָן.

— א גוטע נאַכט, — האָב איך דערהערט איר שטים און דערזען איר האַנט אויסגעצויגן צו מיר.

איר האַנטדרוק איז געווען וואַרעם און שטאַרק, און ס'האָט זיך ניט געגלוסט ארויסלאָזן אירע לאַנגע, גלאַטע פינגער. אימפולסיוו האָב איך א קוש געטאָן אירע פינגער. זי האָט צופרידן א שמייכל געטאָן, איינגעהילט זיך אין שאַל און פאַר־מאַכט די אויגן.

ס'איז פאַר מיר ניט לײַכט אנשלאָפן צו ווערן אפילו אין דער היים נאָך אן אָנגענעמען שמועס מיט א מענטשן. און דאָ, אין דער האַלב־פינצטערניש, לעבן דער אָנרעגנדיקער פרוי, איז דער שלאָף אינגאַנצן אוועק פון מיר. די אויגן געשלאָסן, האָב איך אָבער געזען שווימען ארום זיך רייצנדיקע בילדער, וועלכע, ווי כ'האָב גוט געוווּסט, זײַנען געווען פאַנטאַסטישע איליוזיעס אונטער די אומ־שטענדן. דאָך האָט זיך ניט געוואָלט פאַרטרײַבן זיי, די שמייכלענדיקע, שטיל לאַכנדיקע, גלעטנדיקע בילדער... די נאַכט ארום האָט געאָטעמט א קילע. ס'איז אוועק א שאָ, אָדער צוויי. כ'האָב דערהערט פּלוצעם ווי זי פרעגט שטיל:

— איר שלאָפט נאָך ניט?

— ניין, — האָב איך געענטפערט. — עס שפּינט זיך אין מײַן קאָפּ א פאַנטאַס־טיש אומגלייבלעך, אָבער זייער אָנגענעם מײַסעלע, מיט וועלכן איר האָט מיך אינספּירירט.

זי האָט ניט געענטפערט. און ס'איז ווידער געוואָרן שטיל. מיט א האַלבער שאָ, צי מיט א שאָ שפּעטער האָב איך דערפילט, ווי זי דעקט מיך צו מיט איר שאַל. כ'האָב געוואָלט צורירן זיך צו איר מיט מײַן האַנט, מיט א פינגער און ניט געוואַגט. צוגעהערט זיך צו עפּעס א שטים אין מיר, וואָס האָט געשמייכלט און גערעדט עפּעס מיט אלטער כאָכמע... איך האָב ניט געוווּסט ווי אַזוי, נאָר איך בין אנשלאָפן געוואָרן. און ווי דער שטייגער פון אַזא שלאָפן אין באַן, האָט די אומ־באַקוועמלעכע פּאָזע אינסטינקטיוו געוועקט. כ'האָב זיך אופגעכאַפּט און דערפילט איר וואַרעמען דיך לעבן מײַן דיך. עס איז געווען, ווי אין א וואַרעמען כאָלעם. ס'האָט זיך ניט געגלוסט צו רירן זיך, ניט צו צעשטערן די אומשולדיקע נאָענטע וואַרעמקײַט, וואָס האָט ווי געשוועבט ארום מיר און אין מיר... איך האָב ניט געוווּסט, צי זי איז וואַך, צי זי שלאָפט. איך בין ווידער אנשלאָפן געוואָרן און אופגעכאַפּט זיך, ווען ס'האָט גענומען שאַרײַען אף טאָג. זי האָט זיך אויך אופגע־

כאפט און פארלאָזט איר פּלאַץ. ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט זי א שמייכל־דיקע געזאָגט:

— גוטמאָרגן. אָט נאָך עטלעכע שאָ, און מיר וועלן זײַן אין טשיקאַגאָ. ווי זײַנט איר געשלאָפן?

— ווי אונטער די פליגל פון א שיינעם כאָלעם.

— איצט וועל איך גיין טרינקען קאווע.

— כ'וועל גיין מיט אײַך.

מיר האָבן געטרונקען קאווע און פארביסן מיט קוכן.

— באַלד דאַרף מען זיך צעשיידן, — האָט זי געזאָגט. — דענקט איר ניט, אז ס'איז פאַראַן עפּעס... א מין אומבאַפּרידיקט געפיל, ווען צוויי מענטשן באַגעגע־נען זיך, מע באַקאַנט זיך, מע רעדט, מע קניפּט אָן עפּעס א פאַרשטענדעניש, עפּעס א נאָענטקײַט אפילע, און מיטאַמאָל צעשיידט מען זיך און מע טרעפט זיך מער קיינמאָל, קיינמאָל, קיינמאָל ניט.

— איר האָט געלייענט מײַנע געדאַנקען.

— ווײַזט אויס, אז דאָס דאָזיקע געפיל איז נאַטירלעך פאַר יעדן איינעם.

— ס'איז פאַראַן א מיטל, וויאַזוי צו קאָמפּענסירן עס, — האָב איך געזאָגט. — מיר דאַרפן אין אונדזער זיקאָרן לאָזן א סטעזשקעלע, וואָס זאָל אונדז פריִער אָדער שפּעטער פירן און ברענגען צו א צווייטער באַגעגעניש.

— ווו נעמט מען די מעגלעכקײַט? אין געדאַנק איז מיסטאָמע פאַראַן ערגעץ א מעגלעכקײַט, אָבער בלויז אין געדאַנק.

מיר האָבן געשוויגן א ווײַלע.

— וועלן מיר צוריק גיין? — האָט זי זיך אופגעהויבן. — איך וועל אײַך ניט לאָזן פאַרגעסן... דעם בוך פאַר מיר.

— איך וואָלט ניט פאַרגעסן.

מיר זײַנען צוריקגעקומען צו אונדזערע ערטער. איך האָב אראָפּגענומען מײַן לײַכטע וואַליזע, געעפנט אין מײַן בוך „די זון אין מיזרעך" דעם טאָוול. א קוק געטאָן אף איר און געפרעגט איר נאָמען.

זי האָט א ווײַלע געקוקט אף מיר, ווי טראַכטנדיק וועגן עפּעס און געזאָגט:

— מאַריִא מעקגרעגאָר.

האָב איך אַרײַנגעשריבן אין בוך אף ענגליש, פאַרשטייט זיך: „דער סימפּאַ־טישער און ליבלעכער מאַריִא נאָך א נאַכט־רײַזע און אָנגענעמען שמועס — צו געדענקען".

זי האָט איבערגעלייענט דאָס אָנגעשריבענע, פאַרמאַכט דעם טאָוול, א גלעט געטאָן דעם בוך און געזאָגט:

— דאָס איז פאַר מיר ווערטפול: צו געדענקען.

— איך וואָלט אײַך געוואָלט א קוש טאָן באַם געזעגענען זיך, — האָב איך געזאָגט.

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און געשוויגן. איך האָב ניט געוואָגט צוביגן זיך צו אירע ליפּן.

— איך האָב אויך עפּעס פאַר אײַך, — האָט זי מיטאַמאָל א זאָג געטאָן. געעפנט איר טאַש און אַרויסגענומען א קליין קאַרטל.

איך האָב דערזען אױף דעם קאַרטל אַן עמבלעם מיט א ציילעמל אינדערמיט, און אונטער דעם ציילעמל איז געווען אָפּגעדרוקט: „אַן אָנדענק פון מײַן צוואַנציקסטן יאָר אין דער שוועסטערײַ פונעם הייליקן יוסעף". שוועסטער אַננאַ דע לאָורדעס מעקגרעגאָר".

איך האָב געקוקט אױף איר און געשוויגן. ענדלעך האָב איך א זאָג געטאָן:

— איר זײַנט א נאָנע. א נאָנע — א לערערן...

— יאָ. און דאָס איז מײַן נאָמען, אונטער וועלכן איך בין אָנגעשלאָסן אין דער שוועסטערײַ.

— פאַרוואָס האָט איר מיר ניט געזאָגט ביז איצט?

— כ׳האָב ניט געוואָלט פאַרלירן אײַך. מענטשן שרעקן זיך פאַר נאָנעס. זיי מיינען, אַז נאָנעס טראָגן אױף זיך הייליקע פליגל, אַז זיי זײַנען גאָר קיין מענטשן ניט, קיין פרויען ניט. כ׳האָב ניט געוואָלט, אַז אויך איר זאָלט אָנהייבן ריידן צו מיר מיט פאָרזיכטיקייט און אָפּשײַ. כ׳האָב אײַך ניט געוואָלט פאַרלירן, — האָט זי ווידערהאָלט מיט א שמייכל. און אין איר לעצטן, קימאַט, פאַר מיר שמייכל פון א נאָנע, און איך האָב א טראַכט געטאָן: ווי גערעכט זי איז. זי איז א גוטער פסיכאָלאָג.

— איך פאַרשטיי אײַך, שוועסטער אַננאַ דע לאָורדעס מעקגרעגאָר, — האָב איך געזאָגט. — איך וועל די באַגעגעניש געדענקען. קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

— איך אויך, — האָט זי געזאָגט און צוגעגעבן: — אױף דער צווייטער זײַט פונעם קאַרטל, האָט איר מײַן אַדרעס. שרײַבט מיר אַמאָל, אויב איר וועט זיך דערמאָנען.

— איך וועל אײַך שרײַבן, — האָב איך געזאָגט.

אַרויסגייענדיק פון וואַגאָן, האָבן מיר זיך געדריקט די הענט און זיך צעשיידט. כ׳האָב איר נאָכגעקוקט. זי איז געגאַנגען לאַנגזאַם, ווירדיק. זי האָט זיך איין מאָל אומגעקוקט, און איך האָב דערזען איר שמייכל. ס׳האָט דורכגעשוועבט דער געדאַנק: ווי גוט ס׳איז אַמאָל צו דערפילן דעם מענטשן. און איך האָב דערהערט אין זיך ווי זי זאָגט אױף ייִדיש: א מענטש... א מענטש...

כ׳האָב שוין געוווּסט און געפילט, אַז די דאָזיקע נאַכט האָט פאַרזייט אין מיר א קערנדל פון א דערציילונג.

דער לעץ

אין מײַן פלי צו די עטלעכע לענדער, וואָס ליגן בא די ברעגן פון מיטללענדישן יאם, האָב איך אײַנגעשלאָסן אויך איטאליע. עס איז געווען נאָך גאנץ פרי, ווען מיר, די טוריסטן, זײַנען אָנגעקומען אף דעם לופט־פּאָרט קיין רוים. מע האָט אונדז גענומען מיט אן אווטאָבוס צו א קליינעם, אָבער פּרעכטיקן האָטעל, ווו איך האָב געקראָגן א צימער, וואָס האָט מיך אנציקט מיט דער ריינקײַט און שיינקײַט.

לויט דעם פּלאן האָבן מיר געהאט דרײַ טעג צו פארברענגען אין רוים, אָדער אָנשליסן זיך אין א באזונדערן טור איבער דעם זוניקן לאנד. איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין דער דאָזיקער קליינער גרופּע. דעם ערשטן טאָג אָבער האָט מען אונדז גענומען זען רוים. כ׳וועל ניט פארצייכענען אלץ, וואָס כ׳האָב געזען. עס איז שוין באקאנט און אלט ווי דאָס לאנד אליין. דאָך קאָן איך ניט אויסמײַדן צו פארנאָטירן די אָנגעלאָדענע מיט שטימונג שמאָלע און ברייטע גאסן, די שטיינערנע קירכן, וואָס האָבן דיך ארומגענומען ווי מיט לאנג־פארגעסענע כאלוימעס פון יענע יאָרן, ווען עס האָבן געהערשט מארקיזן, גראפן, גאלאָכים אין די פינצטערע ווינקלען, אין וועלכע עס האָבן געלויערט פּאראט, סאם און מעסער.

מיר האָבן באזוכט דעם גרויסן פּארק, ווו עס שטייען צענדליקער סטאטועס פון פארגעסענע העלדן און פונוואנען מ׳קאָן זען א גרויסן טייל פון רוים. געזען די גרויסע מאָנומענטן וויקטאָר עמאנועלן און גאריבאלדין; דאָס ספּאָרט־פעלד, וואָס איז ארומגערינגלט מיט צענדליקער סטאטועס פון נאקעטע אטלעטן; דעם קאָליזעום, וואָס האָט אין מײַנע אויגן אויסגעקוקט קליין און געבעכדיק, שוין גאָר ניט אזוי גראנדיעז, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, לייענענדיק וועגן אים אין די ראָמאנען. כ׳האָב זיך געוואָלט פאָרשטעלן די גלאדיאטאָרס און די לייבן, וואָס האָבן צעריסן די ערשטע קריסטלעכע מארטירער. געקוקט אף אייניקע פאָנטאנען און, זעלבסטפארשטענדלעך, ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהײַט צו זען מוסאָליניס פּאלאץ און דעם באלקאָן, פונוואנען ער האָט געהאלטן זײַנע פײַער־פּלאמיקע רעדעס. דאָ און דאָרט געזען קווארטאלן פון רײַכע מאָדערנע הײַזער, ווו די בורזשואזיע האָט זיך באזעצט, און אָרעמע קווארטאלן, ווו דער פּראָלעטאריאט האָט זיך געפּרוכפּערט און געמערט. באזוכט דעם וואטיקאן און די בארימטע „סאנט־פּעטער קירכע”, וועלכע ס׳האָט געבויט דער געניאלער מיקעלאנדזשעלאָ; געזען זײַן בארימטע סיקסטינער קאפּעלע און ניט געקאָנט אָפּרײַסן די אויגן פון דער סטאטוע פון מוישע ראבײנו, לעם וועלכער איך בין געשטאנען א געפּלעפטער און געטראכט: אָט שטיי איך אין דעם סאמע קאָדשיי־קאָדאָשים פונעם קאטוילישן גלויבן, און וועמענס געשטאלט טרעף איך דאָ? דאָס געשטאלט פון דעם ביבלישן נאָווי. איך האָב אויך ניט פארפעלט צו זען די אלטע ייִדישע שול, וואָס איז געבויט

מיט די טרעפּ אראָפּ טיפער, קעדיי זי זאָל פון אינווייניק זײַן, און אויסקוקן געגנוג הויך, אָבער אין דרויסן — ניט העכער פון די קאַטוילישע קירכעס. און ווען איך בין אין דער דאָזיקער נאכט געלעגן אף דעם ווײַסן, ציכטיקן, ברייטן בעט, האָט מיך גענומען לאנג־לאנג אנשלאָפן צו ווערן. אופגעכאפּט זיך, ווען ס'האָט גענומען שארי͏ען אף טאָג. ווידער א געשמאקער פרישטיק. ווידער אן אווטאָבוס. מיר פארלאָזן רוים. מיר זײַנען אף דעם וועג. מיר באזוכן די אויסגעגראָבענע שטאָט פּאָמפּיי. מיר עסן פיש אין נעאפּאָל. און ווען עס האָט שוין גענומען צו־פאלן דער אָוונט, זײַנען מיר אָנגעקומען קיין סאָרענטאָ, ווו מיר זײַנען פארפאָרן אין אלטן היסטאָרישן האָטעל „טראמאָנטאנא”.

וועגן דעם שטעטל סאָרענטאָ, אף דעם האלב־אינדזל, ארום פיר און צוואנציק קילאָמעטער פון נעאפּאָל, האָב איך שוין געוווסט. מע שטייט אף הויכע סקאלעס, ארומגערינגלט מיט בערג, באם סאמע ברעג פון מיטללענדישן יאם. אײַנגעטונקען אין סעדער און וועלדלעך, ווען עס וואקסן ווײַנטרויבן און איילבירטן, וואָס זײַנען די הויפּט־פּראָדוקטן פאר ווײַן און בוימל, וועלכע ווערן פּראָדוצירט אין סאָרענטאָ.

דער דרײַגאָרנדיקער האָטעל „טראמאָנטאנא” („דאָס קילע ווינטל”) שטייט אף א הויכן פעלדז, דער פעלדז — אין סאמע יאם. פון דעם באלקאָן, אפן ערשטן שטאָק, זעט מען אן אומפארגעסלעך בילד — דעם ווײַטן יאמישן האָריזאָנט. עס הוידען זיך אף די כוואליעס קליינע קאָלירפולע שיפלעך. די שיינקײַט פונעם יאם איז אומעגלעך צו באשרײַבן.

נאָך דעם געשמאקן מאָלצײַט זײַנען די טוריסטן איינציקווײַז און גרופּעסווײַז ארויס אף דער וועראנדע צו דעם שטילן ווארעמען בלוי־הימלדיקן פארנאכט. איך אויך. ארומגעקוקט זיך. אונטן אין הויף — א גרופּע פּאלמען־ביימער. דערזען אף דער וואנט בא דער טיר הענגען א גרויסן טאָוול, האָב איך איבערגעלייענט, ווער פון די בארימטע מענטשן פון דער ליטעראַרישער וועלט עס איז אײַנגעשטאנען אין האָטעל. כ'האָב נאָך ניט באוויזן צו פארשרײַבן די לעצטע ווערטער, ווי איך האָב דערפילט, ווי עמעצער האָט מיך אָנגערירט באם אקסל און איך האָב דער־הערט זאָגן, גראָד אין ייִדיש:

— שרײַבט צו אויך אײַער נאָמען צום צעטל אף דעם טאָוול, עס שאט ניט. מיט אײַערע לאנגע האָר זײַנט אי״ר מיסטאמע אויך איינער פון די אומשטערב־לעכע.

כ'האָב א פארוואונדערטער א קוק געטאָן אף דעם מענטשן, וואָס איז געשטאנען הינטער מיר. א הויכער, מיט לאנגע, דארע פיס, אין א שווארצן אָנצוג. דער קאָפּ — א שפּיציקער, א נאקעטער קימאט. די אויגן — שווארצע, טיף־אײַנגעפאלענע. די ברעמען — געדיכטע. די נאָז — א לאנגע. די אויערן און דער קין — שפּיציקע. דאָס מויל — מיט דינע שמייכלענדיקע ליפּן. ווען ער וואָלט געהאט א בערדל, וואָלט איך געזאָגט, אז ער קוקט אויס ווי מעפיסטאָפעל, אזא ווי די מאָלער און אקטיאָרן שטעלן אים פאָר.

— כ׳האָב שוין איינִיקע מאָל באמערקט, — האָט ער זיך צעשמייכלט, — ווי איר פארצייכנט פון רעכטס צו לינקס אײַערע אימפּרעסיעס אין נאָטיץ־ביכל, האָב איך פארשטאנען, אז איר זײַנט א ייִד. דער ייִד ליגט בא אײַך סײַווי־סײַ אף דער נאָז, אָבער ניט אלע ייִדן שרײַבן איצט ייִדיש. איר זײַנט, מיסטאמע, אויך א טוריסט.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט.

— איר זײַנט דאָ אליין?

— אליין. מײַן פרוי וויל ניט פליִען.

— איר זײַנט, זע איך, שטענדיק אליין. אָן אָפּגעזונדערטער מענטש מיט ווייניק ווערטער. איר לאָזט זיך ניט ארײַנגעשלעפּט ווערן אין לאנגע שמועסן.

— מיט זיך אליין שמועס איך אָפט.

— איך טראכט וועגן די טוריסטן: אלע האלטן זיי אין איין קוקן. מע קוקט. איר אויך. עס וואָלט אָבער געווען אינטערעסאנט צו וויסן, וואָס עס טוט אונדזער מויעך אין דער גאנצער צײַט, וואָס מיר קוקן. וואָס פאר א געדאנקען לויפן דורך אין אים, אין דעם מויעך? וואָס פאר א קלוגע און מעשוגענע געדאנקען ווערן פארפיקסירט אין אים, פליִען ארײַן און ארויס פון אים? איר פארשטייט, וואָס איך מיין און וואָס איך האָב אין זינען?

— איך פארשטיי אײַך גוט.

— איך שטעל זיך פאָר, אז ליב האָבנדיק איינזאמקײַט, מעדיטירט איר אָפט און איר טראכט זיך, מיסטאמע, ניט איין מאָל ארײַן אין דעם מישמאש פון א מענטשלעכער נעשאָמע. מיר וועלן פארברענגען דאָ א פּאָר טעג, איז... לאָמיך אײַך זאָגן און וואָרענען, אז איר וועט זיך ניט אָפּטשעפּען פון מיר. אויב איר וועט מיך ארויסוואַרפן דורך דער טיר פון אײַער מויעך, וועל איך ארײַן דורך די פענצטער. און ווער ווייסט... עפּשער זײַנען זיי, די פענצטער אײַערע, פארהאקט און פארשטויבט פון די רעגנס און שטורעמס, אז מע זעט קוים דורך זיי. צעעפֿנט זיי ברייט ארײַנצולאָזן א ביסל לופט און זון־שײַן. און איך, דער לעץ, וועל האָבן א געלעגנהײַט ארײַנצושפּרינגען, א שפּאס טאָן און אויך שמועסן מיט ערנסטע, גוטמוטיקע ווערטער.

— איר רעדט מיט רעטענישן און אלעגאָריעס, — האָב איך געזאָגט.

— יאָ. דער מאָשל זאָגט אלץ קאָנדענסירט און בילדלעכער. און איך ווייס, אז איר וועט מיך פארשטיין, אפילע ווען איך טו אָן די מאסקע פון א ציניִשן לעץ.

— פונוואנען ווייסט איר עס?

— איך האָב די דערפארונג פון אָפּשאצן ייִדישע מענטשן און קען מאמעש זען, וואָס עס ליגט אין די פּעקלעך, וואָס איעדער ייִד טראָגט מיט זיך. בא איינעם ליגט אין פּעקל א טהילימל, א טאנאכל, בא א צווייטן — דער נײַער ייִדישער טעסטאמענט, וואָס די פּערעצעס און די זשיטלאָווסקיס האָבן צוזאמענגעשטעלט, בא א דריטן — קארל מארקס׳ „קאפּיטאל״, בא א פערטן — אלט־נײַע פלענער פון

א נײַעם מאלכוס דאָוויד, בא א פינפטן — דאָס פעטע באנק־ביכל, דער יעסאָד פון אלע יעסוידעס און דער שליסל צו אלע טירן פון אוילעמהאזע, בא א זעקסטן — די רעזיגנאציע און דער באגער צו שטארבן „בינשיקאָ“ אין די פרעכטיקע אָרעמס פון דער פארפירערישער אסימיליאציע. כ׳וואָלט געקאָנט דערמאָנען נאָך פעקלעך, אָבער איצט וואָלט איך זיך ליבערשט געוואָלט אומקערן צו דעם טאָוול און א שמועס טאָן וועגן די אומשטערבלעכע מענטשן, וועמענס נעמען זײַנען אַף אים פארצייכנט. וואָס ווייסט איר, אשטייגער, וועגן טאָרקוואדאָ טאסאָ, וואָס שטייט אין סאמע אויבן? זײַן לעבן איז געווען דראמאטיש. מע האָט אים גאנצע זיבן יאָר געהאלטן פארשפארט אין א מאָנאסטיר אלס מעשוגענעם. מע מיינט, אז א מארקיז האָט אים דאָרט פארשפארט, ווײַל ער האָט געוואָלט כאסענע האָבן מיט דעם מארקיזס שוועסטער. דער בארימטער דאָניצעטי האָט געשאפן אָן אָפערע וועגן אים, וועלכע הייסט „טאָרקוואדאָ טאסאָ“. דער צווייטער אַף דעם טאָוול איז דזשאָן מילטאָן. מיר ווייסן וועגן אים, אז ער האָט זיך אנטוישט אין דער קירכע. געטראָפן זיך מיט דעם אסטראָנאָם גאליליי, געוואָרן א פּאָעט. בארימט געוואָרן מיט זײַנע ווערק „דער פארלוירענער גאניידן“ און „דער געפונענער גאניידן“. נו... די איבעריקע, די נעענטערע צו אונדז, ווי געטע, בײַראָן, שעלי, קיטס, איבסען — גרויסע שרײַבער, וועמען איך לייען נאָך ביז הײַנטיקן טאָג מיט האנאָע. און איך וועל אײַך צוגעבן אזעלכע, וואָס זײַנען דאָ, אין „טראמאָנטאנא“, ניט געווען און זייערע נעמען זײַנען אַף דעם טאָוול ניטאָ — האָמער, סערוואנטעס. מאָליער, טאָלסטאָי, פלאָבער, טאָמאס מאן, דזשאָרדזש בערנארד שאָו — איך רוף זיי אָן, קעדיי צו שטעלן אײַך די גרויסע פראגע: וואָלט די מענטשהײַט געווען אָרעמער אָן זיי? וואָלט די מענטשהײַט געווען א פארלוירענע אָן זיי? וואָלט די מענטשהײַט געווען ווייניקער ציוויליזירט אָן זיי? טראכט זיך ארײַן, מענטש, און וואגט צו ענטפערן מיר אַף דער דאָזיקער פראגע.

— איך ווייס ניט, צי אײַער פראגע קומט בעעמעס פון טיפער איבערצײַגונג און ערנסטקײַט פון טראכטן, — האָב איך געזאָגט, — מיר דאכט זיך, אז איר קיבעצט, וואָרעם סע קאָן זײַן, אז ווען איר פרעגט די פראגע, קאטשעט זיך אין אײַער ברוסט א געלעכטער. וועל איך אָננעמען אַף א מאָמענט, אז איר מיינט עס ערנסט, און איך וועל אײַך ענטפערן. די „לאנג פארגעסענע“ קינסטלער מיט זייערע ווערק זײַנען געווען אָנגעלאָדן מיט כאָכמע, מיט דערפארונג און מיט מענטשלעכן טראגיזם, פון וועלכן מיר שעפן ביז הײַנטיקן טאָג. די קינסטלער פון אלע צײַטן זײַנען געגאנגען און גייען נאָך הײַנט אַף גאָלדענע טרעפ, וואָס ווערן קיינמאָל ניט פארזשאווערט.

די עמעס קינסטלערישע, גײַסטיק־דערהויבענע ווערק וועלן שטענדיק געבן דער מענטשהײַט דעם מאָראליש־עטישן און עסטעטישן גענוס. אויב דאָס מענטשלעכע לעבן איז קורץ, איז אָבער די קונסט אייביק.

— אויב איר געדענקט, איז פאַראַן אַ גריכישע לעגענדע וועגן דעם אַטלאַנט, וואָס טראָגט די וועלט אויף זײַנע אַקסלען. איך גלייב, אַז וויסנשאַפט־לײַט, געזעצגעבער, אינזשעניערן און לערער זײַנען עס די אַטלאַנטן, וועלכע טראָגן די וועלט־פּראָבלעמען אויף זייערע אַקסלען.

— און פאַרגעניגנס, פאַרווײַלונגען, שטימונגען...

— מענטש, פאַרוואָס ניט אַ פּלי טאָן צו דער לעוואָנע? — האָט ער שעלמיש אַ ווונק געטאָן מיטן אויג. — מוזיק, ספּאָרט, קינאָ־פילמען און אויך ביכער, פּראַקטישע ביכער אָן די נאַרישע כאַלוימעס. אָבער... ביז וואָס־ווען... לאָמיר נעמען ריידן ווי סטאַטישע מענטשן... לאָמיר לעבן לויט דעם אײַנגעשטעלטן סיידער און גיין אויף די וועגן פון די געזעצגעבער. ווילט איר עפּשער אַ שפּאַציר טאָן?

— גוט, לאָמיר שפּאַצירן, — האָב איך געזאָגט, — וועלן מיר ניט דאַרפן רעדן וועגן אוטאָפּיעס.

— רייד אַליין זאָגן נאָך ניט אַלץ, ווי ס׳האָט געשריבן אונדזער שיינער פּאָעט מאַני לייב:

אין וואָרט איז ניט אַלץ, וואָס דער צונג ר׳עדט אויס,
ניט אַלץ, וואָס די פּעדער פאַרשרײַבט.
וואָס מערער די צונג און די פּעדער דריקט אויס,
אַלץ מערער אין שטומקײַט פאַרבלײַבט.

— אויסגעצייכנט. איר איבעראַשט מיך... — האָבן מיך די קלוגע שורעס דערפרייט. — איז... קומט לאָמיר גיין, און שפּינט, אויב איר ווילט, אײַערע פאַנטאַזיעס.

מיר האָבן שפּאַצירט שווײַגנדיק. ס׳איז שוין געווען טונקל. מיר האָבן ארײַנגעשפּאַצירט אין איינער פון די שמאָלע געסלעך, און איך האָב דערהערט ווי ער זאָגט:

— דאָס שטעטל איז אַ גאַניידן. בלויז אַרום פופצן טויזנט אײַנוווינער. ס׳איז אײַך עפּשער באַקאַנט די סענטימענטאַלע מעלאָדיע „סאָרענטאָ"? — ער האָט גענומען שטיל זינגען די מעלאָדיע מיט אַ שטילן באַריטאָן, וואָס האָט געגלעט דאָס האַרץ.

אין די אָרעמע אַלטע הײַזער, מיט ברייט־צעעפנטע טירן און טויערן, האָבן מיר בײַ שוואַכער ליכט געקאָנט זען יונגע און עלטערע מענטשן, אָרעם געקליידטע.

— קומט, לאָמיר אַ קוק טאָן אויף זייערע געשניצטע פון האָלץ בילדער.

— אין פּאָמפּיי זײַנט איר דאָך געווען, — האָט ער ווידער גענומען ריידן, — ווען איך האָב געקוקט אויף די ברוקירטע גאַסן, אויף וועלכע די רײַטוועגענער פון די רײַכע פּאַטריציער זײַנען געפלויגן ווי פּעגאַסן; און ווען איך האָב געקוקט אויף די איבערגעבליבענע, האַלב צעשטערטע הײַזער, האָב איך זיך געוווּנדערט אויף דער אומפּראַקטישקײַט פון דעם „אל נקמות". ער נעמט און צעשטערט סדאָם און

לאָזט ניט א שטיין אף א שטיין, און ניט א טראכט געטאָן, אז די ייִדישע טוריסטן וועלן אים דאָס ניט מוחל זײַן, און די געשעפטסלײַט אוואדע ניט.

— כ'האָב אויך געטראכט וועגן דעם, — האָב איך געשמייכלט.

ס'איז געווען שוין גאנץ שפּעט אינאָוונט, ווען מיר זײַנען צוריקגעקומען צום האָטעל.

— א גוטע נאכט, — האָב איך געזאָגט און געלאָזט זיך גיין מיט די ווײַסע מארמאָרנע טרעפּ ארויף צו מײַן צימער. כ'האָב געזען, ווי ער שטייט אונטן בא די טרעפּ א שמייכלענדיקער, און איך האָב דערהערט:

— שלאָפט, אויב איר קענט. לאָזט אָפן אײַערע פענצטער פאר שיינע כאלוי־מעס. און מאָרגן — אין קאפּרי. דאָס וווּנדערבאר שיינע אינדזל קאפּרי.

דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן איז מײַן פוס געשטאנען אזוי נאָענט צו דער דורכזיכטיקער טיפקײַט פון יאם. דאָס הארץ האָט אומרויִק געקלאפּט. דער מאָטאָר האָט גענומען טאראטאכקען, און דאָס מאָטאָר־שיפל מיט די פּאָר צענדליק טוריסטן האָט גענומען דערווײַטערן זיך פון דער הויכער סקאלע, פון דעם „טרא־מאָנטאנא“־האָטעל, גלײַך צו דעם אינדזל קאפּרי, צוועלף קילאָמעטער פון סאָ־רענטאָ.

דאָס מאָטאָר־שיפל האָט זיך געטראָגן, מינוטנווײַז געהוידעט זיך ביז כאלאָשעס, און ענדלעך, ענדלעך — אָט זעט זיך שוין דעם אינדזלס הויכער סקאלע־בארג אין מיטן יאם. אײַנציקווײַז האָבן מיר פּאָרזיכטיק גענומען ארײַנשטעלן זיך אין די לאָדקעס, וואָס האָבן זיך געהוידעט אף די כוואליעס אונטער דעם שאָטן פון דער גיגאנטישער סקאלע. דאָס האָט מען אונדז געבראכט אהערצו א קוק צו טאָן אף דער וועלט־בארימטער „גראָטאָ אזולא“ — די הייל אין בארג.

די גראָטאָ האָט א זייער שמאָלע עפענונג, ווי א קליין אָפן מויל, דורך וועלכן דאָס שיפל, וואָס האלט בלויז צוויי אָדער דרײַ מענטשן, גליטשט זיך ארײַן ווי אף א שפּיגל, א שרעקלעך־טיפער שפּיגל, דורך דעם קליינעם, אָפענעם מויל, גלײַך אין דער גראָטאָ ארײַן. און ווען דו ביסט אינווייניק, בלײַבסטו פארגאפט פון דעם פלואָרעסצירנדיקן בלוילעכן ליכט, וואָס פאלט פון דער סטעליע ווי פון א ליכ־טיקן הימל, דו קוקסט ארויף צו דעם איליוזאָרישן כימישן הימל, דו קוקסט ארויף צו זען, צי מע זעט דעם גרונט דורך די טיפע וואסערן, און דו ווייסט ניט, צי דו וואָלסט געוואָלט שווימען דאָ אין דעם שיפל שאָענלאנג, אָדער דו וואָלסט געוואָלט ארויס, אן ארומגעכאפּטער פון קלאסטראָפאָבישער שרעק. דאָס ארײַנשווי־מען אין דער גראָטאָ, האָט מיך שוין צוגעגרייט צו א טיפן פארגעניגן און צו איבערלעבונג. ווען מיר זײַנען לאנגזאם און פּאָרזיכטיק ארײַן אין שיפל... מיר, מײַן איך, איך און דאָס מיידל מיט די גאָלדענע האָר, איז דער שיפער געזעסן באם שפּיץ פונעם שיפל. זי — הינטער אים. איך — הינטער איר. און אָט דערנעענ־טערן מיר זיך צום מויל פון דער הייל. זיצנדיק גלײַך, וואָלטן מיר ניט געקענט ארײַנשווימען. אונדזערע קעפּ וואָלטן זיך אָנגעשלאָגן אָן דער סקאלע און מיר

וואָלטן אַלע אַרײַן אין יאַם, האָט דער שיפער געזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך צוריקבייגן און בלײַבן ליגן, אָנשפּאַרנדיק זיך אַף די פּלייצעס. האָב איך זיך צוריקגעבויגן און אָנגעשפּאַרט זיך אַף דעם הינטערשטן טייל פונעם שיפל; זי, מיט איר פּלייצע און מיטן קאָפּ גאָלדענע האָר, — אַף מײַנע הענט; און דער שיפער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן איר. ווען איך האָב דערפילט איר קאָפּ אין מײַנע הענט, זײַנען אין מײַן מויעך דורכגעלאָפן צוויי שורעס פון אַ רוסישער ליד. און אויב איך וועל שטאַרבן אין דער דאָזיקער ליכטיקער וועלט, וועל איך שטאַרבן פונעם גליק, וואָס איך לעב.

אַז איך קאָן נאָך פאַרשיקערט ווערן פון אַ קאָפּ מיט גאָלדענע האָר, בין איך נאָך גאַנץ יונג אין גײַסט, ווי אָנגענעם פאַר דעם דורשטיקן וואַנדערער! נאָר ווו איז פאַרפאַלן געוואָרן דאָס גאָלדענע מיידל?

— עפּשער איז דאָס געווען אַן אילוזיע, אַ האַלוצינאַציע, אַן אײַנרעדעניש אַזאַ, אַן אומטערבאַוווסטזיניקער ווונטש?.. מיר וועלן זי אַ זוך טאָן אין קאַפּרי...

קאַפּרי... קאַפּרי... האָט געזאָגט מײַן נײַער באַקאַנטער מיט דער שפּיציקער קין, איך וועל אײַך געבן אַ טיי־לעפעלע פון דעם, וואָס איך ווייס וועגן קאַפּרי. קאַפּרי שטייט טויזנט פוט איבער דעם יאַם־פלאַך אין נעאַפּאָליטאַנישן יאַם־אויסגוס. דער שעטעך — אַרום פינף קוואַדראַט־קילאָמעטער. באַפעלקערונג — באַ אַכט טויזנט. דער רוימישער אימפּעראַטאָר טיבעריוס האָט דאָ געהאַט זײַן ווילע. ערשט אין 1860 האָבן די איטאַליענער אָנגעשלאָסן דאָס אינדזל צו זיך. די ענגלענדער און פראַנצויזן האָבן אויך אַ שטיקל צײַט האַנאָע געהאַט פון אים.

— איר האָט אַ גוטן זיקאָרן.

— אין די יאָרן פון 1906 ביז 1913 האָט דאָ געוווינט מאַקסים גאָרקי. אין דעם יאָר 1908 האָט אים באַזוכט וולאַדימיר לענין. די פישערלײַט האָבן דאָ שטאַרק געהאַלטן פון ביידן. איך אויך. ס'וואָלט גוט געווען צו זען דאָס הויז, ווו גאָרקי האָט געוווינט...

מיר האָבן זיך געלאָזט מיט שמאָלע ברוקירטע געסלעך צו באַקוקן דאָס אינדזל. לאַנג שפּאַצירט, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אַף דעם העכסטן פּלאַטאָ אין אַ רעסטאָראַנדל. מיר האָבן באַשטעלט אַ מאָלצײַט. געטרונקען רויטן ווײַן און געשמועסט.

— איר זעט אָט דעם דאָזיקן שרעקלעך הויכן פּלאַטאָ, ווו מיר זיצן, פונוואַנען מיר באַוווּנדערן דעם יאַם מיט זײַנע אומרויִקע שטימונגען... פונדאַנען, האָב איך געהערט דערציילן, האָט מען אין דער צײַט פון דער פאַשיסטישער הערשאַפט, אַרײַנגעשלײַדערט אין יאַם אַרײַן ייִדישע געשעפטס־לײַט, וואָס האָבן יאָרנלאַנג געוווינט אין קאַפּרי.

— איר זײַנט זיכער אין דעם? — האָב איך געפרעגט.

— צי דו גלייבסט, צי דו גלייבסט ניט, אָבער גראַדע איצט, ווען איך קוק אַרויף דעם ליכטיקן הימל און אַראָפּ צו די פאַרשאָטנטע טיפענישן פונעם יאַם,

קומט מיר אַף דעם געדאַנק אַ שורע פון דעם רומענישן ייִדישן באָכער סאַמי ראָזענשטיין, וועלכער האָט אין 1916, מיט נאָך דרײַ יונגע באָכערים, געשאַפן אין שווייצאַריע די ניהיליסטיש־קינסטלערישע באַוועגונג, וואָס איז נאָך ביז הײַנטיקן טאָג באַקאַנט אונטערן נאָמען „דאַדאַ", אַ באַוועגונג, וועלכע לייקנט אָפּ אַלע קינסטלערישע ווערטן. אָט דער דאָזיקער יונגער פּאָעט, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן טריסטאַן טזאַראַ, האָט אַ שורע אין זײַנער אַ ליד:

די הויכקײַט זינגט, וואָס די טיפקײַט רעדט...

און ווען איך טראַכט איצט וועגן דער שורע, איז עס ניט בלויז אין דער אַסאָציאַציע מיט דער הויכקײַט פון דעם הימל, און מיט דער טיפקײַט פון דעם יאַם דאָ. ס'האָט מער צו טאָן מיט די אָנגעזאַמלטע געדאַנקען און שטימונגען בײַ מיר, בײַם לעץ. ס'איז ווי בײַ יעדן איינעם — דאָס טאָגטעגלעכע, פּערזענלעכע, טריוויאַלע און אויך דאָס וויכטיקע אין אַ מענטשנס לעבן; ס'איז אויך די אָנגעלאָדענע אַטמאָספער אַרום אונדז, אָנגעלאָדן מיט שרעק פאַר די מאָנסטערס, פאַר דער גאָרילע, וואָס האָט גראַדויִרט צו אַ „האָמאָ סאַפּיִענס" און קאָן זיך ניט דערוואַרטן אַף דעם מאָמענט, ווען די הידראָגענישע באָמבעס וועלן נעמען אָנצינדן די הימלען און די ערד און ס'וועט מער ניט זײַן קיין שרעק. ערשט דעמלט וועט מען קאָנען זאָגן, אַז די הויכקײַט זינגט, וואָס די טיפקײַט רעדט. ווײַל קיינער, קיינער וועט עס ניט הערן.

מיר האָבן געשוויגן אַ ווײַלע.

— איך וויל אײַך ניט לאָזן מיטן אײַנדרוק, — האָט ער מעלאַנכאָליש אַ שמייכל געטאָן, — אַז מײַן איצטיקע שטימונג קומט פון „וועלט־שמערץ", וואָס איך פּערזענלעך טראָג. באַרויִקט זיך, איך פּרעטענדיר ניט אַף דעם. אַוואַדע באַווירקן די טאָגטעגלעכע דערמאָנונגען, אַוואַדע דריקט, לעמאָשל, דער אַנטיסעמיטיזם און ער שרעקט. רעדט זיך אָבער ניט אײַן, אַז די מענטשהײַט שלאָפט ניט גאַנצע נעכט איבער דעם. ס'איז רייד, רייד, רייד... און ווייניק־וועניק בײַ אונדז פּאַרלירט דעם שלאָף איבער די היפּאָטעטישע טעאָריעס און וואָרענונגען וועגן דער קומענדיקער וועלט־קאַטאַסטראָפע. שטימונגען?.. אָ, יאָ... זיי זײַנען דאָ, כאַ!

— לעכאַיִם! — האָב איך אויפגעהויבן מײַן גלעזל מיט רויטן ווײַן.

— לעכאַיִם!

ס'איז שוין שפּעט אין טאָג. די שאָ פון אומקערן זיך צוריק קיין סאָרענטאָ האָט זיך גענומען דערנעענטערן.

מ ו י ש ע ג י צ י ס

פון מענטש צו מענטש

מ. „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, 1983, 64 זײַטן
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאַקטור —
ס. ט ש ע ר נ י א ק, יע. ק א פּ ל א ן
קאָרעקטאָר — ב. ג ע ר ש מ א ן

М. Гицис

СРЕДИ ЛЮДЕЙ

М., «Советский писатель», 1983, 64 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса
Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 24.02.83. Подписано к печати 19.04.83.
Формат 70Х108 1/32. Бумага типографская № 1
Печ. л. 2. (Условн. печ. л. 2,8). Заказ № 1944.

Редакция журнала «Советиш геймланд»
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to "Sovietish Heimland" No. 5, 1983

© Журнал «Советиш геймланд», 1983